ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# מעשה צדיקים

## אידיש

**627**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# ספר

# מעשה צדיקים

דליכע מעשיות פון היילונע צדיקים וקדושים בי דעם היילגן בעש"ט ז"ל און פון דעם רבי רבי ברוך ז"ל · און פון דעם רבי רבי מלך ז"ל : און פון דעם ליבלינער ז"ל : און פון דעם רבי רבי משה ליב סאסיווער ז"ל : און פון דעם רבי רבי פנחס קאריצר ז"ל · זכותם יעמוד לנו אמן :

די ווינדרליכע מעשיות האבין מיר מעתיק גיוועזין פין דעם ספר מעשה צדיקים וואס האבין גישריבן חסידים ואנשי מעשה :

---

ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# מעשה צדיקים

## אידיש

**627**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

(ב״ה)

# מעשה נפלא מהבעש״ט זללה״ה

אונ מעז׳ביז ווי דר היילוגר בעש״ט אוז גוועזן אוז דארטן גוועזן איין גרוסר תלמיד חכם ווס ער אוז גוזעסן יום ולילה אונ האט גולערנט: ער אוז אבר זייער ארום גוועזן ער האט זוך באנוגן גולאזט פון דעם וואס מענשן האבן זוך מרחם גוועזן אוף אום פון דעם האט ער זוך מפרנס גוועזן מוט דם גאנצן בני בית · זיין ווייב אוז גוועזן אגרוסו צדקת זוא האט אום קיין מאל נושט גוזאגט ער זאל געבן פרנסה ווייל זוא הט נוט גוואלט אום מבטל זיין פון תורה לערנן · דו קונדר זענן דר וואקסן גווארן אוז דס ווייב גוקומן אונ הט אום גוזאגט אמת אז מור לעבן אונ גרוס בטחון אז זיין היילוגר נאמן וועט אונז העלפן ווס אוז צו טואן אז דו קונדר זענן שון זייער גרוס אונ דוא טאכטר מוז מען חתונה מאכן עס אוז נושט שיין צו לאזן אום גיין טעכטר אונ דו יאהרן: אזו זאגט צו אור דר מאן נוא ווס קאן אוך טואן דאצוא: אז זיין היילוגר נאמן האט נאך נושט גושוקט דו הולף: זו זאגט צו אום פאלג מוך נאר מיין מאן: עס אוז דא אונ שטאט דער היילוגר בעש״ט ז״ל פול מענטשן זענן דורך אום גוהאלפן גווארן דו זעהסט פון דער גאנצר וועלט מאכט מען הוצאות אונ מען פארט צום בעש״ט ז״ל: נוא אז מור זענן אונ איין שטאט פר ווס זאלסטו נוט גיין צו אום · לייג אוועק דיין התנגדות אונ גיי דוך צו אום צו וועסטו אוך גוהאלפן ווערן:

דער תלמיד חכם האטשו ער אוז גוועזן אמתנגד אונ ער האט נושט נוגלייבט אן דעם בעש״ט ז״ל וואס הט ער גוקענט טואן: זיין ווייב האט אום נושט נאך גולאזט אונ דו גאנצה האט אום גוברעכט ער אוז אריין גוגאנגן צום בעש״ט ז״ל אונ ער האט אום דר ציילט פון זיין גרוס דחקות אונ גרוס עניות גם אז דו קונדר זענן שון ערוואקסן ער דארף זיי חתונה צו מאכן אונ ער הט נושט קיין פרוטה אחת:

דער בעש״ט ז״ל זאגט צו אום פאהר קיין קאזמיר דארטן זאלסטו פרעגן אוף איין ב״ל מלאכה אונ ער הט אום גוזאגט זיין נאמן אונ זיין פאטרס נאמן גם נאך אנדרו צייכון כדי ער זאל זוך קענן אפפרעגן צו אוהם אונ אז ער זאל גאנץ גוט נאך פארשטון אוף אום וועט ער האבן איין רפואה צו אלעם ווס ער דארף: דער תלמיד חכם הט אוף זוך מקבל גוועזן דעם טורח הדרך ער זאל אוועק ווי דער בעש״ט ז״ל הט אום גוהייסן · אונ ער הט נוט גוהאט קיין געלד אוף הוצאות אזו אוז ער גוגאנגן צו פוס פון שטאט צו שטאט בוז ער אוז גוקומן אונ דער שטאט אריין וואס דער בעש״ט ז״ל האט גוהייסן:

דער

# מעשה צדיקים

דער שמייגר פון איין ארומאן אוז אז ער קומט אונ איין שטאט ארין גייט ער גלייך אונ בית המדרש אריין ער זאל זוך דארטון אפ רוהין פון דער גרוסר מוה וום ער הט זוך אן גוארבוט אוף דעם וועג · דער ארומאן אוז גוקומון אונ בית המדרש אריין אוז גוועז זייער פול מענטשון אזו הט ער תיכף אן גוהובון צו פרעגון אוף דעם בעל מלאכה וום דר בעש"ט ז"ל האט אום גוהייסון אזו האט קיינר נוט גוויסט זיי האבון אוהם גוזאגט עס אוז אונ שטאט נוט דא אזו איינר וואס ער הייסט אזו וויא דו פרעגסט נאך אוף אום מור ווייסון גאר נוט פון אזיי בעל מלאכה · אזו האט דער תלמיד חכם גוזופצט אוף זיינו גרוסו צרות אונ פון וועגון דוא גרוסו מוה וואס ער הט גוהאט פון דעם וועג : אונ ער אוז גוקומון אונ איין אנדער בית המדרש אריין פרעגון אוף אוהם · האט אום קיינר נוט גוויסט צוא ענפרון נאר עס אוז דארטון גוועזן זקנים האבון זיי אום צוא גורופן אונ האבון אוהם אום גופרעגט אלו סימנים אזו האבון זייא אום גוזאגט :

לובר כריינד וום פרעגט איר אוף אוהם דער רשע אוז שון זעכציג יאר גושטארבון זיי האבון אום דר ציילט אז עס אוז אמת אז דער מענש האט דא גוואנט אונ דער שטאט נאר ער אוז גוועזן ארשע אמסור איין עוכר ישראל אונ ער הט נוט גולאזט איין עבירה וום ער הט נוט עובר גוועזן אונ עס אוז שון זעכצוג יאר אז ער אוז גושטארבון אונ דו גאנצו שטאט האט זוך גופרייט ווען ער אוז מת גווארון : וום טויג ער אייך וום פרעגט איר אוף אום נוא ווי דער תלמיד חכם הט דם גוהערט אוז ער גוגאנגון צו זקנים פרעגון אזו האבון זיי אלו אום גוזאגט אז ער אוז גוועזן ארשע אונ ער אוז שון מער טוט פון זעכצוג יאר ·

דער נאך אוז דר תלמיד חכם אוועק גוגאנגון מוט גרוס שברון לב אונ ער הט אנגוהובון צו גיין צורוק אהיים אן איין ישועה נאר מוט גרוס צער אונ צרות פון דעם וועג בוז ער אוז גוקומון צו רוק היין מעזובוז מוט אונ שלאף פון דעם וועג אונ ער אוז גוגאנגון צום בעש"ט ז"ל ער זאל וויסון דוא בוונה וואס ער הט גומיינט מוט דער נסיעה : אונ ער הט אום דרציילט אלדונג וואס עס אוז מוט אוהם גוועזן אז ער אוז גוועזן אונ דר שטאט וואס ער הט אום גושוכט אונ ער האט גוט נאך גופרעגט אונ יעדר האט אום גוזאגט אז דער אוז שון זעכצוג יאר טוט אונ אז ער אוז גוועזן איין רשע מפורסם אמסור וואס ער הט נוט אום גולאזט איין עבירה וום ער האט נוט עובר גוועזן :

אזו ענפורט אום דר בעש"ט ז"ל דו בוסט דוקבאמת איין ירא שמים אתלמוד

חכם

חכם און גלייבט און דער גמרא און אן אלו הייליגע חכמים וואס האבין גישריבין פון גלגולים ווי אזו דער מענטש ווערט מגולגל כדי ער זאל מתקן זיין וואס ער האט פוגם גיוועזן · און ער מוז מקבל זיין יסורים ער זאל אפ קימין פאר דיא חטאים : דער תלמיד חכם ענפערט איך גלייב דוא אלו זאכין באמונה שלימה : דר הייליגר בעש״ט ז״ל זאגט אזו זאלסטו וויסין אז דו בוסט דער זעלבער פון דר שטאט וואס פר זעכציג יאר האסטו עובר גיוועזן כל עבירות שבתורה און גומסרת במה מסירות : נוא אצינד פרעג איך דיך ווילסטו נאך עס זאל דיר גוט גיין עושר און כבוד מוט אלום גוטן · הלוואי דו זאלסט מתקן זיין וואס דוא האסט פוגם גיוועזן און יענום גלגול : הלוואי דו יסורים מוט דעם עניות וואס דו ליידסט זאל זיין איין אפ קימונוש פאר דוא גרוסו חטאים פון דעם גלגול :

וויא דער תלמיד חכם האט דס דר הערט איז ער דער שראקין גיווארין און ער הט גיוויינט פר דעם הייליגן בעש״ט ז״ל ער זאל אום געבין אתיקון אוף דעם וואס ער הט פוגם גיוועזן : און ער האט זיך איין גקנופט אן דוא הייליגע תורה און ער הט גדאווינט און גולערינט מוט גרוס התמדה און מוט גרוס שקידה און ער איז גיווארין פון דוא גרוסו תלמידים פון דעם הייליגן בעש״ט ז״ל :

פון דער וואונדערליכע מעשה זאל זיך יעדר ארום נעמין איין מוסר ער זאל גוט זארגן און מתדעם זיין אוף זיין מזל ווי אזו עס גייט אום ער ז׳ שוויינגן און זאל בעטין פון זיין הייליגן נאמן עס זאל אום זיין אתיקון צו אלו זיינו גרוסו חטאים : און ער זאל זיך פר זוכין אן הש״י אז ער וועט אום בוודאי העלפין : הש״י זאל אונז העלפין מיר זאלין קאנן פארעכטין אלו חטאים און פגמים און מיר זאלין גוהאלפין ווערין במהרה בימינו אמן :

מיר האבין גוהערט אזו אמעשה וואס עס איז גושעהן און דוא צייטין פון דעם האר״י הקדוש ז״ל ער איז גיוועזן ביי איין סעודת מצוה וואס עס האט חתונה גוהאט איין גרוסר תלמיד חכם איין גרוסר ירא שמים דער יונגר מאן איז גיוועזן קדוש וטהור און מפורסם מוט זיין צדקות וחסידות און נאך דער חופה ביא דער סעודה וויא מען הט גוגעסין הט דער חתן דר צדיק גונומין אשטיקל עוף צו עסין הט ער איינגושלונגין איין ביינדול פון דעם עוף און האלץ אריין און ער איז דר ווארגין גיווארין און איז גושטארבין · דער גאנצר עולם הט זייער גוויינט און גויאמרט אוף דעם פאל וואס עס האט זיך גוטראפין · דער ר״י הקדוש הט נוט גוויינט און נושט גוטרויערט און ער הט נאך גוויזן איין פנים שוחקות · דער גאנצר עולם הט זיך זייער גוווּנדערט און האבין גופרעגט דעם ר״י הקדוש וואס דס איז וואס ער וייזט נאך אפנים שוחקות :

# מעשה צדיקים

דער ר״י הקדוש ענפרט זיי עמץ זאלט וויסון אז דער יונגער מאן האט בוז דער רגע מתקן גוועזן זיין שורש נשמה פון אלו גלגולים וואס ער איז גוועזן דער יונגר מאן איז נאך אונ פרורודונגן גלגול גוועזן איין גרוסר צדיק קדוש וטהור ער איז גוועזן מפורסם מוט זיין גרוס צדקות ער האט מתקן גוועזן אלו פגמים פון זיין שורש נשמה נאר דם וואס ער איז מגולגל גווארון אופסנייא איז גוועזן אובר איין זאך ער איז גוועזן איין מורה הוראה וואס ער האט גופסקית שאלות אונ איז גוועזן אגרוסר צדיק אונ אגרוסר ירא שמים אונ זיין צייט איז גוועזן איין נשמה וואס זוא איז ארום גוגאנגון אוף דעם עולם התוהו אונ דוא נשמה הט קיין שום תיקון נוט גוהאט · בוז עס איז גוקומון דר פסק פון דעם בית דין שלמעלה ער זאל מגולגל ווערון אונ איין עוף טהור אונ ווען ער וועט האבין אזכיה אז אצדיק זאל עסון דאס עוף אודר אז אוף סעודת שבת קודש וועט דם עוף פר נוצט ווערון אזו וועט דוא נשמה האבון אתיקון עס איז אזו גוועזן דוא נשמה איז אריין אונ איין עוף אונ דאס עוף האט גוקוסט איין ירא שמים לכבוד שבת : עס איז באמת גוועזן אזכייה גדולה אז כמעט האט דוא נשמה גוהאט אתיקון גדול נאר אבר דוא דונסט וואס האט גוקאכט הט דר זעהן אז עס איז עפוס אשאלה אוף דעם עוף איז זו גוגאנגון צו דעם קדוש דעם מורה הוראה פרעגון דוא שאלה צו דאס עוף איז כשר צוא טריפה :

דער מורה הוראה האט זוך נוט גוט מיישב גוועזון אונ האט גוזאגט אוף דעם עוף טריפה חאטשו ער הט גוקאנט מכשיר זיין באמת אזו הט דו עלענדע נשמה קיין תיקון נוט גוהאט אונ זו איז צורוק גוקימון אונ האט זוך אומבלאנכוגט אוף דעם עולם התהו : דוא נשמה אבר איז גוגאנגון פר דעם בית דין של מעלה אונ חאט גושרוגן אוף דעם קדוש · אז דער קדוש איז באמת שולדוג אונ דעם וואס זוא האט קיין תיכון נוט ווארום עס האט זוך שון גוטראפון אז איין ידא שמים האט גוקוסט דס עוף לכבוד שבת אונ זוא איז באמת על פי דין תורה כשר גוועזן אזו איז דר תיכון גוועזן פר דוא אוגן · נאר דער קדוש דר מורה הוראה הט קאלו גומאכט אובר דעם זאל מען מן השמים פסקנון קעגון דעם קדוש :

דורך דעם איז גוקומון אפסק פון דעם בית דין של מעלה אז דר צדיק זאל נאך אמאל מגולגל ווערון כדי ער זאל כתקן זיין דוא נשמה וואס זוא וועט נס כן נאך אמאל מגולגל ווערון אונ איין

עות

שטייגר ער הט גודאווינט מנחה אז עס איז נאך געווען פיר שעה צו נאכט אונ די שמונה עשרה פון מנחה הט ביא אים גודויערט לערך דרייא פיהר שעה כדי מעלה צו זיין נשמות אונ אויך אלו עולמות דר רב פון דארט האט גוזעהן ווי ער איז אזו מאריך אונ דער שמונה עשרה האט אים זייער פר דראסן ווארון ער האט זיך נוט גוגלייבט אז איין מענש זאל קאנון אזו לאנג שטיין אויף די פוס אונ מעמיק זיין אונ דאווינון ווארון העכמונס אז מען דאווינט גאר פאוואלע דויערט לערך צעהון מונוט אבר נוט דריי פיר שעה׃

דער רב דער תלמיד חכם זאגט מי יודע וואס ער טוט אצונד אויך ווער ניין אכטונג געבון בקיצור ער איז גוגאנגון צום בעל שם טוב זכרונו לברכה אונ האט אויף גהובון דעם טלית פון זיין פנים אונ ער האט אים אן גוקיקט אונ אין דער רגע איז דער תלמיד חכם גובלובון אונ גרוס חלשות אז ער איז כמעט גושטארבון נאר מען הט אים זייער גוראטיווית ביז ער הט זיך דר מאנט דר נאך איז ער קראנק געווען דריי חדשים אזו הט דר תלמיד חכם דר ציילט ווס ער האט גוזעהן דען דער היילוגר בעש״ט ז״ל איז געווען אשיינר מענש ווס דאס פנים הט געלאכטון אצונד הט ער אים גוזעהן אזו ווי אטוטון אן אנשמה די אוגון פרגלייכט אונ עס איז גוגאנגון פון די אוגון טרערון אזו וויא פון אריירול אונ דער גאנצר גוף איז גשטאנון אזו ווי אגולם אן ארוער אונבר דם האט ער זיך אזו דר שראקן אונ ער איז גובלובון אונ חלשות אונ זייט דעמאלט הט ער אויף זיך מקבל געווען ער זאל נכנע זיין פר דם היילגון בעש״ט ז״ל וייל ער איז געווען קדוש ונורא זיינו דרכי עבודה ווס ער האט גודונט זיין היילוגון נאמון איז געווען ווינדרליך אז קיין מלאכים ושרפים האבון נוט גוקאנט מעיג זיין אום השי״ זאל אונז העלפן סור זאלון קאנון דונון זיין היילוגון נאמן ערונסט אונ מור זאלון גוהאלפון ווערון בקרב אמן׃

## דער בעש״ט ז״ל אין סטאמבול

עס איז מפורסם לכל די נסיעה פון דם בעש״ט ז״ל קיין ארץ ישראל וייל ער הט זיך גוואלט זעהן מיט הרב הקדוש בעל המחבר ספר אור החיים נאר מן השמים הט מען אים מעכב געווען ווארון ער זאל געווען צו זאמון קומון מיט דם אור החיים וואלט שון משיח גוקומון עס איז אבר נאך נוט צייט בעונותינו הרבים דאדורך הט ער גוהאט אויף דם וועג גרוסו צרות אונ ער איז אמאל אריין גפאלון

אין

# מעשה צדיקים

און איין עצמת נפש און עס איז אפ גוטון געווארן פון אים אלו זיינו גרוסע מדרגות וואס ער האט גוהאט דער בעש"ט ז"ל האט גוזאגט נוא וואס איז אויך זעל דונן דעם בורא עולם וויא אפאסטו יוד אן מדריגות :

דר בעש"ט ז"ל האט גוהאט מיט זיך איין תהלימזל פון הקדוש ר' אדם בעש"ט ז"ל און אויף דעו גאנצין וועג וואס ער איז גופארן און דר שוף הט ער גוזאגט שירות ותשבחות און תהלים אזו וויא איין אדם פשוט ביז ער איז גוקימן קיין סטאמביל מיט זיין שאכשר המפורסמת מ"ת אדיל וואס זוא האט גוהאט צוויי זוהן דו צוויי הילוגע ברודר דער רבי רבי ברוך פון מעזיבוז און הרב הקדוש מוה' אפרים פון סידולקאב בעל המחבר ספר דגל מחנה אפרים . נוא וויא זייא זענען גוקימן קיין סטאמביל מיט גרים עלענד אין אן קליידר און דעמארט איז גוועזן חודש ניסן פאר דעם הילוגין יום טוב פסח אזו איז דר בעש"ט ז"ל גוגאנגען און בית המדרש אריין און ער הט דארטן גורוהט אין גדאוונט און גולערנט אזו ווי איין פערמדר יוד עס איז גיקימן פר יום טוב צוויי טאג איז גנאנגען דו צדקת דו טאכטר פון דעם בעש"ט ז"ל צו איין טייך זו זאל אים וואשן איין העמד דם הילוגין בעש"ט ז"ל ער זאל האבין אויף פסח . אזו הט זו זיך דער מאנט דעם שטאנד פון איר הילוגין טאטן אז זייא זענין אין אנרום עלענד אן פרנסה און אצונד איז שון פר פסח און ער הט נאך נוט קיין מצה שמורה און קיין וויין אויף ארבע כוסות און אנדרע זאכין וואס מען דארף האבין אויף יום טוב אויך חי' זו הט גוזעהן אז איר פאטר זיצט אזוי ווי אפאסטו יוד דם הט זוא זייער גיקרענקט און זו איז גושלאגן ביים וואסר און האט זייער גיוויינט און אבאך טרערן איז איר גוגאנגען פון דוא אוגין :

עס איז דעמאלט פר ביי גוגאנגען איין גרוסר גביר און ער האט גוזעהן דו צדקת וויינט זייער ער פרעגט זוא מיין קינד וואס וויינסטו זוא ענפרט אים וואס ווערט איר מיר דען קענען העלפין אז איר וועט שון וויסן דער גביר זאגט צו איר נאך אמאל מיין קינד אפשר וועל אויך קענען מיט הש"י הילף דיר ארוס העלפין דערצייל מיר וואס עס האט זיך מיט דיר פאסירט : דוא צדקת דערציילט אים פון איר הילוגין טאטן וואס עס איז מיט זייא געוועזן ביז אצונד און אז ער הט נאך נוט קיין שום הכנה צים הילוגין פסח : דער גביר זאגט צוא איר מיין קונד גיי צו דיין טאטן און זאג אים אז ער וועט ביי מיר האבין זיין גאנץ בדערפעניש ער זאל צו מיר קימן תיכף ווער אויך אים שון אלעס געבין :

דוא צדקת דעם הילוגן בעש"ט טאכטר לופט צו איר פאטר און דער ציילט אים אז איין גביר פון דארטן בעט אים צו זיך ער זאל ביי אים זיין .

דר

דר בעש"ט. איז גיגאנגן צו דעם גביר אום ערב פסח נאך מנחה דאוינן לערך זייגר צוויי א דריי · און ווי א דער בעש"ט ז"ל איז נאר גיטרעטין אויף דער שוועל פון דעם גבור און ער האט גיזעהן די אלי דורות מיט די מעבלין מיט אלי טייערי כלים וואס עס איז גישטאנין דארטין אזו האט ער גיהאט איין גרויסין הרחבת הדעת ער האט פר געסין אן אלים וואס עס האט זיך מיט אים גיטראפין און דאדורך איז ער גיווארין פול שמחה און דורך דר שמחה האט ער צוריק באקימין אלי זיינו גרויסו מדריגות און דאס פנים האט גילאכטין אזו ווי א די זון אום תמוז:

דער גביר האט אים אריין גינומען און אגרויס חדר אריין און האט אים מכבד גיווען מיט אלטין טייארין ווייןאון ווי א דער הייליגר בעש"ט ז"ל האט גיטרונקן דעם וויין איז ער גיווארין מלא בשמחה און דאס הארץ איז גיווארין צוריק אזו ווי א ער איז אמאל גיווען פול מיט אהבה ויראה צו השם יתברך און אלי הייליגע מדריגות זענען צוריק גיקימין · אזו זאגט דר בעש"ט ז"ל איך וועל מיך לייגין אביסל אפ רואין כדי מיר זאלין קאנין דער ציילין יציאת מצרים און די הגדה מיט איין לעבעדיגן מוח · און דער בעש"ט ז"ל האט זיך גילייגט און ער איז גיט אנטשלאפין גיווארין און ווי עס איז שין גיווען זייגער צעהן ביי נאכט אזו זאגט דר גביר איך וייס גאר ניט וואס דאס איז מיט דעם אורח ער שלאפט אזו לאנג און מען דארף דעם כדר צו מאכין דער גביר נעמט אל כט און גייט צו צום בעש"ט ז"ל און ער קוקט אים און דעם הייליגן פנים אריין אזו האט ער גיזעהן אז דר טייערר אורח שלאפט און פון ביידי אויגן גיין טרערין אזו ווי צוויי שנורלעך וואסר: דאס איז גיווען איין פלא גדול ביי דעם גביר ער האט פחד גיהאט אים אויף צו וועקין ער האט גיזעהן ביי א הם חידושים וואס מען זעהט ניט ביי א קיין שום מענטש · ער איז גיבליבן שטיין און ער האט אים גיקוקט און פנים אריין כדי ער זאל זעהן דעם סוף פון דער זאך אזו האט ער גיזעהן אז יעדר רגע ווערט ער איין אנדרר מענטש און די טרערין גיסין זיך ווי פון צוויי ריירין און די אויגן זענין כמעט אויס ארויס פר גרויס יסורים און ער האט גיגעבין איין גישריי און ער האט זיך דארויס אויף גיכאפט:

דער הייליגר בעש"ט ז"ל האט זיך גיוואשין דאס פנים און די הענט און ער האט זיך גישטעלט דאוינין מעריב און ער האט הלל גיזאגט מיט גרויס התלהבות דר נאך איז ער גיגאנגן צום טיש און ער האט גיזאגט די הגדה

כסדר

# מעשה צדיקים

כסדר דר צי"לט פון יציאת מצרים מוט גרוס התלהבות אז דס פנים הט גישיינט אונ דער גביר הט זוך זייער גיפארכטון אים צו קוקון אונ פנים אריין אונ ער דט שון כרשטאנון וואס כר איין טייערר אורח דס אוז אז דס אוז איין איש אלקים קדוש ונורא. וויא עס אוז טאג גוואורן אונ זייא האבין דעם סדר אויף גוהערט אפ צו רעכטון אזו פרעגט דער גביר דעם בעש"ט ז"ל וואס עס אוז אזונס גיוועז ווען ער האט גישלאפין אז עס איז גוגאנגון אזו פיהל טרערון פון די אוגון אונ ביים אויף חאפין האט ער איין גרוסון גושרייא גיגעבין אז כמעט די אוגון זענון ארוס פון דוא לעכר:

דער בעש"ט ז"ל ענפרט אום אויך האב דעמאלט גוהאט עליות נשמה אזו האב איך גיהערט אונ דומל אז מען האט גוזר גיוועז איין גזירה אויף יודון אונ דר שטאט מען זאל זייא אלו ארוס טרייבין פון דאנון אונ הארגנין אונ יסורים אן טון אזו האב איך זייער גוויינט פאר זיין הייליגון נאמין מען זאל מבטל זיין די פוטרו גזירה פון דוא יודון אז מען זאל זיי חלילה קיין שלעכטס גוט טואון אונ כען דאט מיך גוט גוואלט הערון: איך האב מוך דר נאך מוסר נפש גיוועז פאר יודנס וועגון אונ האב גוואלט אום ק"מין כדי יודן זאלון גוהאלפין ווערון ערשט דעמאלט האב איך מעורר רחמנות גיוועז אונ מען האט מבטל גיוועז דוא גזירה רעה. אונ דורך דעם וואס איך האב מיך מוסר נפש גיוועז פון יודנס וועגון האט מען מיר צורוק גושענקט מיין נפש איך זאל מוך פרייאון בשמחת ישראל אונ דעמאלט האב איך מיך אויף גוחאפט. אונ נאך דעם דאווינן וועט נתגלה ווערון וואס איך דער צייל דיר.

אונ דער פרוא צום דאווינון זענון צווייא גרוסו גבירים גוט גוקימון דאווינן אונ שול אריין אזו האט מען גוווארט מוט דעם דאווינן אצייט מען האט אבר זוך נוט גוקאנט דר ווארטון אונ מען האט גדאווינט אן זיי נאך דעם דאווינון זענון דוא גבירים גוקומון מוט אלוסטוג פנים אונ זאגון צום עולם גוט יום טוב גוט יום טוב שלום לנו ולכל ישראל: דער עולם פרעגט ווס אוז נייעס פארגעפאלון היינט מוט זיי וואס זיי זענון נוט גוקימון דאווינון אונ אצונד זאגון זייא די דאזוגע ווערטער. דוא יודן ענפרון אונ איין אוגון בליק שיעור הט מען אלו יודן ארוס גוטריבון פון דאנון ותהלת לאל יתברך אז דוא גזירה רעה אוז בטל גוואורן: זיי האבון דר צייל וואס עס אוז גושעהן מוט זייא אונ דאס רחמנות פון השי"ת האט זוך דר וועקט האבון זייא גופונון חן ביי דער מוטר פון דעם מלכות ער זאל אפ רופין דאס שלעכטס וואס איין מינוסטר אשונא ישראל האט גוטון מען זאל נוט ארוס טרייבון דוא יודון: אונ אזו אוז גוטון גווארן

# מעשה צדיקים

געוואָרן אַז דעם שונא ישראל האָט מען אַיין געזעצט תפוס ווייל ער האָט געוואָלט פר גוסן ריין בלוט : דעמאָלט איז דער בעש"ט ז"ל נתגלה געוואָרן השם יתברך זאָל אונז העלפן פון אַלום בייזון אונ זאָל אונז שיקן דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן סלה :

# מעשה נפלא

## מהרב הקדוש והצדיק הגאון רבי פנחס קאריצר ז"ל זי"ע

עס איז מפורסים יעדן מענש דו גרוסע קדושה פון דעם גרוסן צדיק הקדוש מוהר"ר ליב ז"ל וואָז יעדר הט אום גרופן דר שפּאָלער זיידע דר טעם פר וואָס מען הט אום גרופן שפּאָלער זיידע ווייל דעמאָלט ווען ער איז גוקימון קיין שפּאָלע איז דס גאַנצע שטעטול שפּאָלע געווען מחללי שבת אונ האָבן נוט געוואָלט לערנן דו קונדר קיין תורה מחמת ווייל זיי זענון געווען זייער פר גרעבט אַז כמעט האָבן זיי נוט גוקאָנט דאַוונון נאָר דער הייליגער צדיק האָט זיי מקרב געווען תחת כנפי השכינה אונ ער האָט זייא מגייר געווען דאַדורך האָט מען אוהם גורופן דר זיידע ווייל ער איז געווען אַיין בחינה פון דעם הייליגן זיידע אברהם וואָס ער הט מגייר געווען אסך גרים אונ ער האָט זיי מכנים געווען תחת כנפי השכינה :

צווישן דו חסידים פון דם שפּאָלער זיידע איז געוועזן אַיין חסיד אַיין מקורב וואָס ער האָט אום זייער ליב גוהאַט · אונ דר חסיד הט קיין קונדר נוט גוהאַט דאַדורך האָט ער מצער געווען זיין רבי ער זאָל מתפלל זיין אויף אום ער זאָל האָבן קונדר : דר שפּאָלער זיידע האָט אום מדחה געווען אַלע טאג אַמאָל האָט ער אום גוזאָגט ער זאָל מאַכן אסעודת מרעים פר חסידים אונ זייא זאָלון אום ווינשן אפשר וועט דאָס העלפן אונ ער איז אָבר נוט גוהאָלפן געוואָרן · אונ תמיד ווען ער איז גוקומון צו זיין רבי ער זאָל האָבן אַיין בן זכר הט ער אוהם מדחה געווען · אַמאָל איז דער חסיד גוקימון קיין שפּאָלע אונ ער האָט זיך אָפּ גפּאַסט אַז ער זאָל נוט אָפּ טרעטון דעם רבי בוז ער זאָל גוזר זיין ער זאָל האָבן אַקונד אַזוֹ איז ער גוגאַנגון צו זיין רבי האָט ער אום גוטראָפן אַז ער איז געווען פאַר טראַכט מוט זיינע מחשבות אונ גרוס דביקות אָן השי"ת :

דער חסיד זאָגט צו אום רבי העלפט מיר אויך זאָל האָבן אַקונד צום לעבן : ענטפערט אים דער רבי לאָז מיך אַצונד נאָך ווייל איך בין עוסק אונ אַיין דבר גדול וועגון כללות ישראל: עס איז נוט דו צייט אַצונד אונ זון צו האָבן איחיד : ווייא דער חסיד דר הערט דס טראַכט ער ביי זיך בלי ספק אַז דער רבי

הט

# מעשה צדיקים

האט אצונד און זון כללות ישראל און גווים איין עת רצון דאדורך וועל אוך אוך גוט אפ טרעטון איך וועל אום מצער זיין בוז ער וועט גוזר זיין אז מן השמים זאל מען העלפין מור אוך זאל האבון אקונד צום לעבון און דער חסיד האט אזו גוטון ער האט שטארק מצער גוועזן זיין רבי ער האט אום נוט גולאזט טואון קיין שום זאך און ער האט אום גאר גדולט זיין בקשה דר רבי האט זוך בייא אום גובעטון לאז מוך נאך אז נוט וועסטו אסוף האבון · דער חסיד אבר וייל ער האט גוקאנט דעם רבי אז ער איז גוועזן זייער אגוטער בפרט קענון אום אז ער האט אום זייער ליב גוהאט אובר דעם האט ער זוך איינגושפארט קענון אוהם און ער האט אום מצער גוועזן :

דער רבי האט אבר נוט גוקאנט אום האלטון פון אום אזו האט ער אום גוזאגט אוך שווער דור אז דו וועסט שון וייל דו וועסט לעבון קיין קונדר נוט האבון וייל דו בוסט אזו דוחק את השעה און בוסט מוך מצער אן שיעור :
דער חסיד ענפערט דעם רבי אוך זעה אז אוך האב ביי איך גאר נוט וואס צו טואון נוא וועל אוך אוועק פארון פון איך און ער איז אוועק גופארון און גרוס אנגסון וייל ער האט גוויסט אז דו ווערטר פון דעם היילוגן שפאלר זיידע זענון נוט קיין קליינקייט אז מען הערט אום און הומל אזו האט ער זוך גאר מייאש גוועזן צו האבון נאך אקונד אוף דער וועלט :

אמאל איז ער גופארון אוף איין ירוד קיין קארוץ נאך דעם ירוד איז ער גוגאנגון און בית המדרש אריין דארטון וויא דער היילוגר רבי פנחס קאריצר האט גולערונט : דעמאלט אבר איז נאך דר צדיק קדוש רבי פנחס ז"ל נאך נוט נתגלה גווארון : דער חסיד אבר איז גוועזן אבעל שכל וויא ער האט גוזעהן דם התנהגות פון דעם היילוגן צדיק רבי פנחס ז"ל האט ער פרשטאנון אז ער איז גאר דער גרוסר מאן דער גרוסר בעל מדרגה : ער האט נוט אכטונג גוגעבון האט ער גוזעהן אז ער איז באמת אבעל רוח הקודש קדוש וטהור אזו האט ער גופרעגט פון וואס זיין פרנסה איז : האט מען אום גוזאגט ער איז אגרוסר אביון ער לערונט תורה לשמה בעניות גדול וואס מען האט נאך אזיי עניות נוט גוזעהן ער לערונט דוא גאנצו נעכט און גרוס דוחק און מאכט זוך גאר נוט אום דעם אלום ·
דעמאלט איז גוועזן חודש ניסן עטליכע טאג פר פסח און דר צדיק האט זוך גאר נוט גוזארגט גאר מען קרעכצט ער זאל חלילה נוט בטל ווערון פון תורה לערנון וייל מען דארף אוף פסח אן צו גרייטון און ער האט נוט קיין פרנסה אתג

# מעשה צדיקים

דו ווערטער זענען גוקומען צו דם חסיד האס ער איז גוקימען אוס דם יריד דר חסיד טראכט ביי זיך עס איז אצונד דו צייט צו טון גוטס פון זיין היילוגן נאמנים ווענען אונ אפשר איז דו צייט אוך גוקומען גוהאלפן צו ווערן דר חסיד גייט צו דם רבי פנחס קאריצר אהיים אונ ער פרעגט זיין וייב אוב זו הט שון אוס פסח וואס מען דארף זו ענפרט אז זו האט נוט קיין פרוטה אחת דר חסיד זאגט צו אור אוך וויל דא ביי איך עסן יום טוב אוך וועל איך געבן וואס מען דארף צו האבן כדי אוך זאל קאנן יום טוב האלטן בייא אייער מאנם טוש:

דר חסיד הט גוגעבן אוף מצות שמורה אונ אוס ויין פלייש עופות אוך הט ער גוגעבן געלד צו קופן אמוש מוט עטלוכו בענקלוך אונ ער הט גוהייסן אן גרייטן יום טוב גאנץ ברייט ער האט זו אוך גובעטין זו זאל נוט אום זאגן אור מאן פון קיין שום זאך בוז פסח ביי נאכט צום סדר אונ זו האט אליץ אן גוגרייט אונ דר חסיד איז אלו מאל גוקומען אכטונג געבן אפשר דארף מען עפום נאך האבן לכבוד יום טוב פון מאכלים טובים אודר פון כלים אזו ווי ביי נגידים אונ אוף אלום הט ער געלד גוגעבן אוך לעכט גרוסו שיינו הט ער אסך גוקופט אן צו צונדן ביים סדר כדי דר צדיק רבי פנחס ז"ל זאל האבן שמחה אונ הרחבת הדעת אום יום טוב.

דר צדיק רבי פנחס ז"ל ווינדרט זוך וואס איז דם ווס זיין וייב נוט אום מנוחהוועגן דם היילוגן יום טוב ווס מען דארף צו האבן דר צדיק אבר שווייגט אונ מאכט זוך גאר נוט ווסנדוג ער הט גאר נושט גופרעגט וייל ער האט זייער לוב גוהאט דו היילוגו תורה אונ איין רגע בוטול תורה איז ביי אוהם גיוועזן זייער טייער אום ערב פסח איז דר צדיק גוגאנגן אונ מרחץ אריין אונ הט זוך טובל גוועזן אונ ער האט זוך צורוק גוזעצט לערנון אונ ער איז דארט גיזעסן בוז צום דאווינ'ן אונ דר חסיד הט דעד וייל אן גוגרייט גוטן ויין אוס ארבע כוסות אוך האט ער גומאכט שיינע מלבושים דעם גאנצן בני בית אונ איין שיין מלבוש דעם היילוגן צדיק רבי פנחס ז"ל אוף דעם היילוגן יום טוב וואס מור זענען אוס גולייזט גווארן פון מצרים אונ דר צדיק הט גר נוט גוויסט פון אלום. ביי נאכט אום יום טוב איז דער צדיק רבי פנחס גוגאנגן דאווינון אונ בית המדרש אריין דער חסיד אבר איז נושט גוגאנגן דאווינון ער האט זוך בעשעפטוגט כדי ער זאל מהנה זיין דם היילוגן צדיק ער הט אום גושטעלט דו כלים אונ אן גוצונדן לעכט אונ דו גאנצו שטוב אום גופוצט אז דו שטוב איז גוועזן פול שמחה וששון

ויטר

# מעשה צדיקים

ויקר ווי דר צדיק איז געקומען אהיים אונ ער האט געזעהן די נייע כלים דם טיש מיט די בענק אונ דיא מנורה מיט די לעכט איז ער געווארן פיל שמחה אונ האט גיהאט גרויס הרחבת הדעת ער האט געפרעגט וואס איז דאס די רבנית זיין ווייב ענטפערט אים דאס האט דער טייערער אורח אלץ אן געגרייט לכבוד יום טוב ׃

דער צדיק גיט דעם חסיד שלום אונ פרעגט אים גאר ניט כדי ער זאל ניט זיך ניט מבלבל זיין דם מוח צו קידוש אונ צו אפ רעכטין דעם גאנצין סדר דער אורח גיט אים דאס מלבוש וואס ער האט אים געמאכט ער טוט זיך דם מלבוש אן ער זעצט זיך מאכין קידוש אונ ער האט דר ציילט פון יציאת מצרים מיט גרויס שמחה אונ מיט גרויס התלהבות ׳ ווארין דורך דעם הרחבת הדעת איז ער געקומען צו גרויסי מדרגות דער חסיד האט דאס צו געקוקט האט ער פאר שטאנין וואס דאס איז ווארין דר האט שון געלערנט אונ ער האט גיוויסט וואס איין צדיק אבעל מדרגה איז ווען ער פלעגט צוא פארן צום שפאלער זיידע זכותו יגן עלינו ׃

דער חסיד האט געשוויגין אונ האט גרויס תענוג גיהאט ביז נאך די ערשטי צוויי כוסות בשעת סעודה זאגט דר צדיק רבי פנחס ז״ל צו דעם אורח ווס ער טוט דא אונ וואס ער פאר לאנגט וואס זיין בקשה איז סען ער גיהאלפין ווערין אצונד פר דעם וואס ער האט אים אזו מהנה געווען דער אורח דר ציילט אים כסדר וואס עס האט זיך מיט אים געטראפין אונ אז ער פלעגט צו פארין צום היילגין שפאלער זיידע נאר ער האט רחמנא ליצלן קיין קינדר ניט אונ ער האט אים אמאל שטארק מפציר געווען וועגין דעם אז השם יתברך זאל אוהם העלפין ער זאל האבין קינדר דעמאלט האט ער געשווארין אז ער וועט ווייל ער וועט לעבין שון מער קיין קינדר ניט האבין ׃ אצונד בעט איך אייך היילגר צדיק צו טראכטין מען זאל צורוק נעמין די שבועה פון דעם שפאלער זיידע כדי איך זאל נאך אויף דעם עולם זעהן פאר מיר קינדר וס זענין עוסק בתורה ויראת שמים

רופט זיך אן דר היילגר צדיק רבי פנחס ז״ל איך נעם צו זאמין אלו מיינו מעשים אונ וואס פר איין זכות איך האב נאר עפיס אונ איך שווער אייך אז דאס יאר וועט איער ווייב האבין אקונד אבן זכר צום לעבין אונ עס איז באמת אזו געווען אז דם יאר האט ער גיהאט אבן זכר ׃

דוא מעשה האט דער ציילט ביים טיש דער היילגער רבי הרב הקדוש פון סאנדיגערי ז״ל אונ ער האט אים גיפורט אזו ווי דער רבי פנחס ז״ל האט געשווארין

אז

# מעשה צדיקים

אז דער חסיד זאל האבון אקינד איז גיווארן אגרוס רעש אונ דר פמליא של מעלא וום אוז צו טון דר היילוגר שפאלער זיידע הט גושווארן ער זאל מער קיין קונד נוט האבון אונ דער היילוגר רבי פנחס קאריצר ז״ל הט גושווארן פאר קערט ער זאל יוא האבון קונדר ווס אוז צו טון הט מען גומאכט אפסק ביים בית דין של מעלה מען זאל אכטונג געבון ווער עס האט זוך קיין מאל נוט גושווארן אפילו איין שבועה של אמת דם דאזוגונס שבועה זאל מען דערהאלטון אזו הט מען גוזוכט אונ דו ספרים פון דו צווייא היילוגו צדיקים ווי עס שטייט פר שרובון זייערו מעשים אזו האט מען גופונון אז דער היילגער רבי פנחס קאריצר זכרונו לברכה האט זוך קיין מאל נוט גושווארן אפילו קיין שבועות אמת דאדורך אוז גובליבון זיין שבועה דער חסיד זאל האבון איין קונד :

פון דער ווינדרלוכו מעשה קאן מען זוך גונוג מוסר ארוס נעמון ווי פול דם אוז גרוס ווען מען אוז מהנה אצדיק הדור אז דורך דעם קען מען זוכה זיין צו מעשה נסים אונ ווי ווייט דר מענש דארף זוך אפ צו הוטון פון שבועות אפילו פון שבועות אמת הש״י מוט זיין גרוס רחמנות זאל אונז העלפון מור זאלון גודאלפון ווערון מוט אלום אונ מור זאלון זוכה זיין צוא זעהן דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן ׃

# מעשה נפלא

## מהרב הקדוש האלהי מוהר״ר ברוך ממעזיבוז נכד הרב הקדוש הבעש״ט ז״ל ׃ זכותם יגן עלינו ועכי״א

עס אוז אמאהל גוועון איין עת צרה גדולה רחמנא ליצלן אוף יודון אוז דוא גאנצו וועלט גולאפון צום היילוגון צדיק רבי רבי ברוך ז״ל אונ מעזיבוז דם בעש״ט ז״ל איין איינקול ער זאל הש״י בעטון אז יודון זאלון גוהאלפון ווערון אזו זאגט דער רבי רבי ברוך פארטס אונ דארף ארײַן עס אוז פון דאנון עטלוכו מייל אונ זוכטס אפ איינם וואס ער הייסט אזו אונ זיין פאטר הייסט אזו ער האט זייא אן גוזאגט הזהר והזהר דעם מענש אפ צו זוכן ער האט אום גוט בצייכונט מען זאל אום קענון אפ זוכון אונ ער האט זייא אן גוזאגט נוט אפ צו פרעגון בוז ער זאל מוט זיין מול זאגון הש״י זאל אפ טון דוא בייזע צרה פון איך ׃

# מעשה צדיקים

דו מענשין זענין אוועק גיפארין פון דעם רבי רבי ברוך ז"ל האבין זיי ביי זיך גיטראכט בלי ספק איז דער אגרויסר מאן אצדיק מפורסים אז דר רבי מיז ערשט צו אים שיקין ער זאל גוזר זיין מען זאל העלפין מן השמים נוא וויא זיי זענין גיקומין אונ שטאט אריין האבין זייא גיפרעגט ווי זוצט דער צדיק וואס ער הייסט מיט זיין נאמין אזוי נאר קיינר האט זיי ניט גיוויסט וואס צו ענפערין מען הט זייא גיזאגט אונ דער שטאט וואנט ניט קיין צדיק, נר זאל אזוי הייסין דוא משולחים האבין זיך גיווינדרט זיי האבין גיוויסט אז זייער הייליגר רבי רבי ברוך רעד ניט קיין שקר ח"ו עס איז גיוויס אמת נאר יעדאך ווייסין זיי ניט וואס צו טון אזוי זענין זיי גיגאנגין פרעגין אויף איין מענש מיט דעם נאמין אוב עס גיפינט זיך אונ שטאט אונ זיי האבין רוכטיג גיפונגין איינם וואס ער הט זייא גיזאגט אויך קאן דעם דאזוגין מענש ער איז איין גרויסר שיכור צו וואס נוצט אייך דר שכור ער ליגט שכור באשטענדיג ער דאווינט ניט אונ טוט גאר גישט נאר ער טרונקט בשטענדיג ער וויסט גאר גישט וואס עס טוט זיך מיט אוהם׃

דו משולחים זענין גיגאנגין צום שוכור אהיים אונ האבין גיפרעגט אויף אוהם אונ האבין דער ציילט זיין ווייב אז דער הייליגר רבי רבי ברוך ז"ל האט גישוקט צו אום זיין ווייב ענפערט זיי מיינו לובע יודין ווס מאכט עטץ מיך צום גלעכטר עטץ זעהט אז ער איז איין שיכור ער ליגט שוכור ווס הט דר הייליגר רבי צו אום צו שוקין דם ווייב דר ציילט זיי זיין התנהגות אז ער איז גיוועזין אגרויסר עושר אונ זייט ער הט זיך גינומין צום שוכרין איז ער גיווארין זייער ארום אונ זיין שטייגר איז ווי ער שוכורת זיך אן לייגט ער זיך שלאפין אונ וויא ער חאפט זיך אוף שוכורת ער ווידר בוז ער ליגט ווידר שוכור ער פירט שון אזוי עטליכו חדשים אז עטץ דארפט מיט אום רעדין מוזט עטץ וואָרטין בוז ער חאפט זיך אוף אונ דוא רגע איידר ער טרונקט ווידר זאלט עטץ מיט אום רעדין ווארום אז עטץ וועט אוועק גיין דער וייל וועט ער זיך נאך אמאהל אן שיכרין אונ עטץ וועט ניט האבין מיט קיינם קיין ווארט צו רעדין׃

דוא מענשין האבין זיך זייער גיווינדרט אויך האבין זייא חוקר ודורש גיוועזין אויף זיינו מנהגים פון לאנג איידער ער איז איין שיכור גיווארין נאר זייא האבין דארונטר ניט גיהערט קיין שום דבר טוב אז זייא זאלין פרשטיין דער פון פר וואס ער קאן פועלין ישועות מן השמים נאר אבר זייא דורך זייער גרוים אמונה אן דעם רבי רבי ברוך ז"ל. האבין זייא אום גיהיט זייא זאלין אוהם זעהן ער זאל זאגין דו ווערטר ווס דר רבי רבי ברוך הט אן גיזאגט · זייא האבין

זיך

# מעשה צדיקים

זוך דר וואַרט אונ דער שיכור האט זוך אוף גוחאפט אונ וויא ער האט זוך אוף גוחאפט הט ער גוחאפט איין פלאש ברוינפון צוא טרונקון · אזו האבון דוא משולחים אום אן גוחאפט בייא דער האנד אונ האבון אום גוזאגט אז דער צדיק רבי ברוך ז״ל האט צו אום גושוקט אז ער זאל זאגון דו בוטרו גזירה זאל אוף הערון פון יודון · דער שיכור זאגט אוך ווער נאר צום ערשטין איין בוטל ברונפון טרונקון· דו משולחים זאגון צו אוהם מור טרעטון דוך נושט אפ אונ מור וועלון דוך נושט לאזון טרונקון בוז דוא ווערסט גוזר זיין אז מען זאל שוקון דו ישועה מן השמים :

דער שיכור האט צוא זיי גוזאגט הש״י מוט זיין גרום רחמנות זאל אפ טואון דוא בייזו צרה פון אייך אונ לאזט מוך רואן אזו זענון זיי תיכף צורוק גופארון קיין מעזיביז אונ זיי האבון בצייכונט דוא שעה ווען דער שיכור הט ארום גוזאגט דוא ווערטר אזו האבון זייא גוזעהן אז אונ דער זעלבע רגע וויא דער שיכור האט ארום גוזאגט זענון זייא גוהאלפון גווארון אזו אוז דם ביי זיי גוועזן אפלא גדול זייא האבון נוט פרשטאנון וואס דאס אוז :

זייא זענון גוקומון צום היילוגן רבי רבי ברוך ז״ל אונ האבון אום גוזאגט רבי דו זאך אוז ביי אונז אפלא גדול דער דאזוגר אוז אשכור גדול אונ אגרויסר בזוי מור האבון גופרעגט אוף זיין התנהגות פון אצונד אונ פון פרור האבון מור נוט גופונון קיין שום דבר טוב · אונ כמעט קען ער נוט דאווינן אונ ער דאווינט נוט צום סוף האבון מור גזעהן דוא ווינדרליכע זאך אונ ווי ער האט ארום גוזאגט אזו אוז גווארון וואז אוז דאס :

דער היילוגר רבי רבי ברוך זאגט צו זייא אוך ווער אייך דער ציילון דם כח פון איין מצוה דער מענש אוז גוועזן אגרויסר סוחר ער האט גוהאט אגרוס גוועלב מוט סחורה אונ אוז זייער אשיינער מענש וואס מען זעהט נוט אזו גושווינד אמאהל אוז ער גוקומון צו איין גרוסו גרעפון זו אוז גוועזן איין אלמנה ווי זו האט אום דר זעהן אוז ער גופעלון ווייל ער אוז זייער שיין גיוועזן דו גרעפון זאגט צו אוהם אוך וויל דוך נעמון פר איין מאן וואס טוג דור דיין ווייב אוז כון אגרויסע גרעפון אלו מיינו שטעט אונ דערפר וועסטו האבון אונ דו וועכט האבון כבוד פון פול שרי מלוכה זיי וועלון דוך האלטון ווי אגראף אונ דו וועסט נאך גרעסר זיין פון זיי דורך דיין גרוס חכמה :

דער מענש הט דר גרעפון צו גוזאגט ער זאל זו נעמון נאר בזה האוסון זו זאל צום ערשטון מאכון אגרוסון באל זו זאל צו זאמון רופון פול גראפון אונ

פירשט

# מעשה צדיקים

פורשטון כדי זייא זאלון אום שון קענין פר אגרוסון גראף דוא גרעפון זאגט אוך וועל אזו טון אונ זיי האבון בעשלאסין איין טאג ווען דר באל וועט זיין זייא זאלון זוך [illegible] מכון זיין אוף דם טאג :

בקיצ[illegible]דר שיכור האט זוך מכין גוועןער זאל נעמון דו גרעפון פר אווייב ווארון ער האט זייער גוואלט דם כבוד המדומה רחמנא ליצלן נוא אונ דם טאג אוז ער גוקימון צו דער גרעפון אונ הוף אריין אונ עס אוז גוועןגרוסו שררות אוף דעם באל אונ דו גרעפון מוט דעם שיכור מוט דוא אלו שררות האבון זוך זייער אונטר האלטון אגאנצו טאג אונ אגאנצו נאכט בוז עס אוז טאג גווארון . אונ דער פרוה אוז ער ארום גוגאנגון אונ הוף אן קוקון אלדונג וויא איין בעל בית אובער זיינום אזו האט ער גוהערט קרעכצון אונ זופצון פון מענשון אוז ער צו גוגאנגון אונ ער האט זיי גופרעגט האבון זיי אוהם גוזאגט זייא זענון יודון מען האט זיי איין גזעצט תפוס פאר אראטע פון דער ראנדע וואס הבון נושט גוהאט צו געבון דער גרעטון אונ זיי זוצון שון לאנג אונ דער תפוסה אונ מען וויל זיי הרגנון בחנם :

דער מענש האט שטארק רחמנות בקומון אוף זייא אונ אוז אריין גולאפון צו דער גרעצון אז אונ זייער טאג פון שמחה וויל ער נוט הערון קיין זופצון אונ קרעכצון דאדורך זאל זוא ארוס לאזון דו בודנע שבוים פריי אן געלד דו גרעפון זאגט דו סענסט טון וויאובר דיינום ווייל אלס קער צו דור פון אצונד אן אזו האט ער גנומון פערד אונ וועגון אונ האט דו שבוים אוף גזעצט אוף דו וועגון אונ האט זיי בשלום אהיים נושוקט אונ האט זייא מוט גוגעבון צידה לדרך זייא זאלון האבון אוף דעם וועג פון וואנוט צו לעבון :

נוא וויא דער דאזוגר האט גוטון דו גרוסו מצוה פון פדיון שבוים אז ער ער האט מציל גוועןיודושע קונדר פון דעם טוט אזו האט אן גוהובון דו מצוה אום צו ברענגן אוף דעם הארץ אונ ער האט זוך אן גוהובון מיישב צו זיין וואס וועל אוך דא טון אוך זאל מזנה זיין מוט איין בת אל נכר אוך זאל פרפאלון ווערון אייבוג אונ גיהנם חלילה אוך וועל דם נוט טון אזייא גרוסע עבירה . אונ ער האט גנומון ואוועגון מוט פערד אונ אוז אנטלאפון פון דארטון אונ ער אוז נושט נכשל גיווארון אונ דער עבירה נוא וויא דער האט גוטון צווייא אזאלכע גרוסו מעשים טובים ערשטונס דו מצוה פון פדיון שבוים וואס ער הט באפת מציל גוועןעטלוכו יודושע נפשות פון דעם טוט צווייטונס דו תשובה שלימה וואס ער האט גוהאט אוף דעם זעלבון אורט מוט דער זעלבער אשה אז ער אוז חלילה נושט נכשל גווארון אזו הט מען גומאכט אפסק ביים בית דין של מעלה

אזו

# מעשה צדיקים

אז וואס ער וועט פאר לאנגון זאל מען אום הערון אונ מען זאל פארגון אלו זיינו גזירות:

דעמאלט איז גוואורן אגרויסר רעש אונ דער פמליא של מעלה אונ דער מדת הדין האט אויף אום מקטרג גיוועזן דורך זיינו איבריגע הנהגות אז ער זאל ווערון איין שיכור כדי ער זאל נוט וויסון וואס מען דארף אויף דעם עולם מבטל צו זיין די גזירות פון דעם בית דין של מעלה:

דר היילוגר רבי ברוך ז"ל פורט אום אונ זאגט זיי עס איז באמת איין סכנה גדולה מען זאל גיין צו אום ער זאל מבטל זיין דוא גזירות פון בית דין של מעלה חלילה נאר אבר דאס איז איין צרה גדולה וואס רוערט אן דם כללות ישראל אובר דעם האב אויך גמוזט שוקון צו אום:

פון דר מעשה קאן מען לערנון צו וויסון ווי גרוס עס איז דר כח אפילו נאר פון איין מצוה אז מען קאן פועלון אלדוס גוטס השי"ת מוט זיין גרוס רחמנות זאל העלפון מור זאלון קאנון פון מצות אונ מעשים טובים סלה:

# מעשה נפלא

## מהרב הצדיק וקדוש עליון מוהר"ר

## הירש ליב אליקר ז"ל זי"ע:

צווישון די חסידים פון דעם רבי ר' הירש ליב אליקר איז גוועזן איין יונגר מאן אגרוסון גבירסאיינזאיידום עס איז גוועזן זייער ווייט פון דער שטאט אליק וועקצוג מייל. נאך ראש השנה ווען ער האט גזעגונט דעם עולם אונ דר חברה איז דער יונגר מאן אויך גוועזן ביים גזעגנגון זאגט דר רבי צוא דעם יונגון מאן השי"ת זאל דור בשערון איין אורט ווי דוא זאלסט זיין אונ ער זאל דור מזמין זיין די פרנסה דר יונגר מאן איז זייער דרשראקין גוואורן פון די ווערטר ווייל ער האט גויסט אז זיינו ווערטר זענון נוט אומזוסט ער איז גוועזן איין גבירס איידם אונ ער האט בעצמו אויך גוהאט פול טוזונטר מזומן אונ צום סוף ווינשט ער אום השי"ת זאל אום מזמן זיין איין אורט אונ זיין פרנסה דר יונגר מאן האט זייער פול אובר גוטראכט נאר אבר די חברה חסידים וואס זענון צוא זאמן גופאהרון האבון אום אום גורעט אונ האבון גשמוסט חסידות אונ דברי תורה. דער ווייל זענון זיי גופארון אונ איין דארף ווייט פון אליק זענון זייא נוקומון אונ קרעטשמע אריין אונ האבון זיך מסלפל גוועזן אונ ביי די אלו ליבודים

האט

# מעשה צדיקים

האט דער יונגר מאן תמיד גובר גוועזן ווייל דער יונגר מאן איז גוועזן א תלמיד חכם גדול אונ א גרויסר ירא שמים דאדורך האבן זיי אים אלו אום גוהערט אונ מסכים גוועזן צו זיינו דיבורים :

פון ווייטונס איז גוועזן דער רונדאר מוט דעם וייב אונ האבן צו גוקוקט ווי אזו די חסידים זענון זוך מפלפל אזו האט דער יונגר מאן נושא חן גוועזן ביי דעם רינדאר אונ דער רונדאר זאגט צו זיין וייב זעהסטו דער יונגר איז וואולער פון דער גאנצר חברה ער האט אשיין מול אונ ער זאגט זייער זוסו ווערטר . הייסטו וואס אוך ווער אים נעמון פר אמלמד צוא דוא קונדר דוא יונגלוך :

דר רונדאר הייבט זוך אוף אונ גייט צו דר גאנצו חברה איז ער זאגט צום יונגון מאן דו גופעלסט מור בעסור ווי דיין חברה זיי בייא מור אונ שטוב אמלמד זאלסט לערנון מוט מיינו קונדערלך דער יונגער מאן דער חסיד איז באמת דער שראקון גווארון וויא ער הט גוהערט וואס דער רונדאר שלאגט אים אן . ער האט זוך דר מאנט די ווערטר פון זיין רבי דעם אליקר ז"ל וואס ער האט אים גווינשון השם יתברך זאל אים מזמין זיין איין אורט מוט פרנסה . האט ער זוך בארעכונט אז די ווערטור פון דעם רונדאר פאסון זוך צו יענר ווערטר פון זיין רבי דם אליקר ז"ל ווס ער האט אים גווינשון הש"י זאל אים מזמון זיין איין אורט מוט פרנסה האט ער זוך גוט בערעכונט אז די ווערטר פון דעם רונדאר זענון גלייך צו יענו ווערטר פון דעם רבי :

ער איז צו מושט גווארון ער האט נוט גוויסט וואס הש"י מיינט מוט אים צום ערשטון האט ער גוזאגט אז ער וויל נוט ער איז איין גבירים אקונד נאר דר רונדאר האט אים מפציר גוועזן אונ ער האט אים גוזאגט מי יודע וואס עס טוט זוך ביי אייך אונ דר היים עס איז נאך פון אייער היים זייער ווייט אונ די קעלטון זענון זייער גרוס זייט דא ביי אינז אובר דעם ווינטר לעת עתה מור וועלון אייך געבון איין גוט אורט צום וואנון אינ מור וועלון אייך געבון וואס איר דארפט . אזו האט זוך דער יונגער מאן מיישב גוועזן אונ ער האט גוזאגט אוך זעה אז עס איז מן השמים אז אוך זאל דא ווינטר האלטון דער רבי האט אזו גומיינט גוא אוך וועל דא בלייבון נאר איר זאלט מור געבון איין עקסטר שטובול אוך זאל האבון אמקום מנוחה צום לערנון אוך וועל ווארטון אוף די הולף פון הש"י אונ וועל זעהן דעם סוף וואס זיין הייליגר נאמון מיינט מוט מור :

# מעשה צדיקים

נוא דער יונגר מאן איז גיווארין מלמד בײם ר' נדאר · און ער האט גיפרובט דם רונדארם קינדר ווי פול זײא קענין כדי ער זאל וויסין ווס צו לערנין מיט זײ ער הט זײ גיפרובט גמרא חומש מיט רש"י האבין זײא ניט גיקאנט אזו האט ער מסכים בדעתו גיוועז צו לערנין מיט זײ נאר חומש מיט רש"י און אבוסל און קליינים שלחן ערוך און ספרי מוסר כדי ער זאל זײא לערנין יראת שמים אז זײא וועלין ניט קענין לערנין : און דער יונגר מאן האט אזו גיטון ער האט גילערינט ראשית חכמה אלו טאג מיט גרוס פײער און מיט התלהבות ·

דער יונגר מאן האט זיך גיפירט דארטין מיט גרוס צדקות און פרישות ער האט גדאוינט און גילערינט מיט גרוים יראת שמים : און אויך מיט דוא קונדר האט ער גילערינט באמונה : און דאדורך איז ער זײער גיפעלין דעם רונדאר דר רונדר האט אים ליב גיהאט און דאדורך האט ער זיך תמיד גישטעלט אונטר הערין ווי ער דאווינט און לערינט אמאל האט ער זיך גישטעלט און דער טיר האט ער גיהערט ווי ער לערינט ראשית חכמה ווי אזו אמענטש דארף זיך צו היטין

---

און מען

קאן פרפאלין ווערין אייביג און גיהנם וכדומה ווס דארטין שטייט גישריבן · ווי דר רונדר הט דר הערט דו ווערטר זענין אים דו ווערטר גיגאנגין און הארץ ארײן און דאס הארץ הט בײ אים גיבערינט ווי איין פײער און ער הט גיציטרט און גיפלאפרט · איז ער ארײן גיגאנגין און שטוב ארײן צו דעם יונגן מאן און ער האט גיזאגט צו זײנע קונדר זײ זאלין ארוס גײן ער דארף עפיס צוא רעדין מיט זײער רבי :

דוא קונדר זענין ארוס גיגאנגין אזו זאגט ער צו דעם יונגן מאן · מײן קינד דו ביסט אחסיד אצדיק און אויך בין ארשע · איך בין דר ווס דוא האסט דא גילערינט און דעם היילגן ספר איך האב עובר גיוועז אויף דעם אלום און אויך האב פונם גיוועז און אלו עולמות

מײן

עבירה איז גרוס אן שיעור און אן ערך וואס איז צוא טואון · ווייא איז צוא מיר און ווײ איז צו מײן נשמה וואס גיט מען זיך פר איין עצה : גיב מיר איין עצה צו מײנע ביטרע חטאים · דער יונגר מאן דער חסיד ענפרט אוהם מיר וועלין בײדע פארין קײן אליק צום רבי ר' הירש ליב ז"ל ער וועט דיר העלפין צוא דײנע צרות : דו וועסט גיהאלפין ווערין בלי ספק אם ירצה השם :

דעמלט

# מעשה צדיקים

דעמאלט איז געוועזן ביי נאכט אום חודש טבת וואס דוא נעכט זענען זייער גרוים אונ עס איז געוועזן זייער גרוסע פרעסט אונ זייער פול שנייא אז מען הט נוט גיקאנט פארון פר קעלט אונ זאווראחעס : דער רונדאר וועגון זיינע גרוסע צרות איז געוועזן ביי אום יעדר רגע א יאהר גרוים · דאדורך הט ער גוזאגט צו דעם יונגן מאן אז תיכף ביא נאכט וויל ער פארון ער קאן זוך נוט אוף האלטון קיין רגע ; דער יונגר מאן הט נוט גוואלט פארון ביא נאכט ער הט אום גיזאגט ער קען זוך נוט איינשטעלון זיין לעבון עס איז אוף דעם וועג סכנות נפשות פון דער גרוסר קעלט מוט די זאווראחעס דאדורך וועלון מור פארון ערשט אונ דער פרוא ·

דער רינדאר זאגט צו זוך ווס וועט מור העלפון דער אליקר צדיק מיינע עבירות זענון גרוס אן שיעור אונ אן כוף · אוך וועל גיין ביא נאכט אונ וואלד אריין אונ ביא דער לבנה וועל אוך תהלים זאגון אונ וועל וויינון אונ קלאגון אוף מיינע יארון וואס איך האב אזוי פול גוזונדוגט אז דער פגם איז אונ אלו וועלטון אוך וועל וויינון אונ קלאגין בוז זיין הייליגר נאמון וועט אוף מור רחמנות האבון אונ וועט דער הערון מיין תשובה ·

נוא דער רונדאר איז גוגאנגון אונ וואלד אריין צווישון דוא ביימר אונ האט אן גוהובון מוט גוויין אונ קלאג אונ דאס וויינון איז אלו מאל שטארקר געוועזן · אונ עס איז געוועזן אגרוסר פראסט אז די טרערון זענון ביי אום אוף דעם פנים דרפרורון געווארון אונ ער האט אן גוהובון דרפרורון צו ווערון : ער הט אבר דס נוט גוואלט הערון ווארום ער האט אוף זוך מקבל געוועזן מסירת נפש ער זאל לאזון די נשמה אונ ער וויל נוט אוף הערון צו זאגון תהלים אונ צו וויינון אוף דוא גרוסע חטאים · נאר אבר די קעלט איז אלו מאל גרעסר געוועזן אונ דער רונדאר איז אונ וויינון דרפרורין געווארון אונ איז גושטארבון דארטון אונ וואלד צווישן די ביימר · אונ גרוס תשובה בבכיה וילל ה :

אונ דער פרוא וויא עס איז טאג געווארון זענון גוגאנגון צווייא בני עכו״ם אונ וואלד אריין זיי זאלון נעמון האלץ פון דוא גרוסע ברעטס האלץ וואס לוגט אונ וואלד : אזו איז גופאלון דאס האלץ אוף דוא צווייא בני עכו״ם אונ זענון נוהארגית געווארין נעבון דעם רונדר וואס איז גושטארבון פון דער קעלט ווען ער האט גוזאגט תהלים :

אונ דער פרוא וויא עס איז גרוס דער טאג געווארן זענן דוא שמוב מענשון

אוף

# מעשה צדיקים

אוף גשטאנין האבין זיי גזוכט דעם בעל הבית אונ האבין אים נוט גפונגן : אוך דער מלמד דער חסיד האט אים גזוכט אזו איז ער גוגאנגן אונ וואלד ארין זוכין דעם רונדאר . ווארון ער האט גוויסט וואס מוט אים האט זוך פאסורט . אזו האט ער גזעהן וויא דער רונדאר לוגט טוט אוך די צווייא קליינו קונדר לוגן דארטין טויט אזו איז ער זייער אובר גשראקין גווארין אונ האט גוהאט גרוס פחד אז מען זאל זוך נוט זוכין בולבולום אוס אונ אז ער האט גוהארגות דוא מענשין .

אזו איז ער אנטלאפין צום רבין קיין אלוק אונ ער האט אוהם דר ציילט וואס עס האט זיך מוט אים פאסורט פון אן הייב בוז צום סוף. ווי אזו דער רונדאר האט דער הערט דוא דברי מוסר פון דעם ראשית חכמה אז ער איז אום גוגאנגן פר צרות אונ ער האט גוטון תשובה מוט גרוס מסירות נפש אונ ער איז גושטארבין פון וויינון אונ שרייאון אוך האט ער דערציילט אז צוויא קונדער זענין גוהארגות גווארין נעבין דעם רונדאר אונ דאדורך האט ער זוך זייער אובער גשראקין ווארון, ער האט מורא באקימון מען זאל זוך קיין בלבולים נוט זוכין אוף אים : ויאמר הרב הקדוש זאגט דער היילוגר רבי רבי הירש ליב צו דעם יונגון מאן מיין קונד אוך קאן דוך שון אציים. וויא דיין דונסט איז גרוס אונ די דרכי עבודה צו השי״ת אז די מיינסט גאנץ ערונסט אן פניות אונ אן מחשבות רעות אובר דעם האב אוך דוך גושוקט אויף דעם אורט כדי דיינו וועטר זאלון אונ זיין הארץ ארין גיין (דברים היוצאים מן הלב נכנסים ללב) וועטר וואס גיין פון איין הארץ ארוס גיין אונ איין הארץ ארין אונ דאס נפש פון דם רונדאר איז שיעור פאר זונקון גווארין בעומקא הקלופות דאדורך האב אוך דוך גושוקט דו זאלסט דאס נפש מישראל ארוס צוהן אונ מציל זיין פון דעם שאול תחתית אונ די זאלסט אים ברענגון ער זאל טון תשובה שלימה אונ גולובט איז זיין לובר נאמון אז דו האסט זוכה גוועזן צו ברענגון איין ישראל צו תשובה שלימה אונ דו זאלסט וויסון אז זיין תשובה איז גוועזן מעומק הלב אזו וויא דוא גמרא ברענגט פון איין בעל תשובה אז ער האט גולייגט דעם קאפף צווישון דוא פוס אונ הם גוויינט אונ איז גושטארבין מוט תשובה שלימה :

נאר די זאלסט וויסון אז דער רונדאר האט גוהאט צוויי לעבדוגו מטזיים דאדורך איז גווארין אגרוסר רעש אונ הומול וואס העלפט דוא תשובה

נאר אבר ווייל ער האט גוטון תשובה שלימה מעומק הלב אונ ער איז געווען א בעל תשובה גדול וואס עס איז נאך אזייא בעל תשובה נוט געווען דאדורך האט מען גומאכט אפסק גדול ביים בית דין של מעלה אז די ביידע קינדער זאלין גוהרגות ווערין כדי ער זאל קאנון האבין איין תיקון אונ עס איזו איז געווען וויא די צווייא בני עכו״ם ממזרים זענון נאר גוהרגות גווארון • אונ גוגאנגון דיא נשמה למעלה לגן עדן העליון :

אצונד מיין קינד פאר אהיים צו דיין ווייב אונ קינדער דיין שווער איז איין גרוסר גביר אונ דיין גאנץ בני בית זענון גרוסי עשירים אונ זיי פרייאון זיך אונ האפין אוף דיר אונ זענון אלו בשלום אן איין מכשול ח״ו השי״ זאל זיך מרחם זיין אוף אונז מיר זאלון אלו קאנון מתקן זיין דפגם אונ שורש העליון מיר זאלין קאנון זוכה זיין צו טון תשובה שלימה אמן סלה :

(יב-ה)

# סיפורים נפלאים

## וואונדרליכע מעשיות פון דיא צווייא היילינע ברודר הצדיקים המפורסמים הקדושים מהר״ר אלימלך ז״ל ומוהר״ר זישא ז״ל

## זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

דער רבי ר׳ זישא ווען ער איז נאך געווען איונגר מאן איז ער שון גופארין צום היילוגון מגיד דער רבי ר׳ בער ז״ל פון מעזריטש אונ ער איז געווען איין גרוסר חסיד וואס ער איז תמיד געווען פלאם פייאר אונ די דרכי עבודה צו השי״ אונ דר רבי ר׳ זישא פלעגט זיך בהלטון אונ וועלדר אונ בהעלטונושון אונ ער האט דארטון גוזאגט שירות ותשבחות פון דוד המלך מיט גרוס התלהבות אז כמעט האט מען אוף אים גוזאגט אז ער איז נוט ביים שכל ווייל ער איז תמיד גיזעען פר טראגון אונ דבקות צו השי״ אונ זענון זיין גרוס השתוקקות צו דינון

זיין

זיין הייליגן נאמן זיין ברודר דער הייליגר רבי ר' מלך ז"ל איז נאך נוט גוועזן קיין חסיד ער האט נאך נוט גוויסט פון דעם גאנג פון דעם הייליגן בעש"ט ז"ל אונ ער האט גילערנט תורה בהתמדה אזו וויא דער שטייגר פון לומדים. אונ וויא ער האט גזעהן זיין ברודר רבי זישא גייט אום בשטענדוג פרמראכט אזו ווי דול איז ער גיגאנגין פרעגין דעם ברודער אונ ער האט צום אום גיזאגט ברודר לעב וואס פורסט דוא דיך נוט וויא יעדער מענש וואס גייסטו אום אזו וויא דול באלד לופסטו אונ וואלד ארייין באלד אונ איין בהעלטעניש ארייך תהלים זאגין. בעסור זוצטו דא אונ לערנסט אונ מען איז אמענש וויא יעדר מענש איז:

דער הייליגר רבי זישא זאגט צו אום אוך וועל דור דער צייילן איין ווינדרליכע מעשה כדי דו זאלסט וויסין אונ פרשטיין וואס דאס איז אונ איין מדינה איז גוועזן אמלך גדול אגרוסר חכם אונ אגוטער מענטש וואס זיין גאנצי מדינה האט אום זייער ליב גיהאט דורך זיינו ווינדרליכו זאכין אונ התנהגות. עס איז גוועזן אונ דער מדינה איין בעל מלאכה ער האט קיין קונדר נוט גיהאט ...ער גוועזן איין גרוסר עושר וואס ער איז פון זיין מלאכה רייך גווארין:

אמאל האט זיך דער בעל מלאכה בדענקט וואס נוצט מור אזו פיל געלט האס פר איין נוצין האב אוך דאסין קונדר האב אוך נישט אוך קיין אנדרי תענוגים האב איך אויך גישט ליב גוט צו הולין גוט צוא פרעסין נישט אנדרי תאוות נאר דאס שטוקל ברוט אזו וויא יעדר מענש דארף נוא וואס נוצט מור דאס געלד אז אוך האב דער פון קיין הנאה נוט אונ קיין שום תענוג נוט. ער האט זיך מיישב גוועזן אונ האט פר קופט זיין אלו זאכין פון מעבול אונ קליידר אונ אוז גופארין אונ דער רוזודענץ שטאט דארטין וויא דער מלך זוצט אונ ער איז גוועזן בדעה דאס גאנצו פר מעגין צו שפרוצין ער זאל קאנין ווערין איי... קאמר דונר ביים מלכות כדי ער זאל קענין אלו מאהל דם מלכות זעהן אונ ער זאל קענין תענוג האבין פון זיינער מייעסטעט:

ער האט אזו גיטאהן ער האט צו שפרוצט דאס גאנצו פר מעגין צווישי... אלו פורשטין אונ צווישן דו שרי מלוכה אז זיי זאלין אום זעהן איין שטעלע ביים מלכות עס איז אבר דעמאלט נישט גוועזן קיין שום שטעלע ליידוג נאר עס ה... גופעהלטאיינר צו הייצין דם אובין פון דעם מלך אזו האבין זיי אום גיזאגט אז עס איז קיין שום שטעלע נושט ליידוג נאר איין שטעלע צו הייצין דעם אובין

פון

# מעשה צדיקים

פון דעם מלכות : דער בעל מלאכה איז זיך מיישב וואס איז מיר פאר אחולוק דו שטעריע אדער איין אנדרו שטעלע אויך מיין נוט קיין שום אנדרע כוונה נאר ווייל איך האב ליב דעם מלכות איבר דעם וויל איך אוהם באדינון נוא וואס איז מיר פר אחילוק אבוא איך וועל אום קענון באדינון איך האב אום בתכלית אהבה איך וועל אוהם דונון מוט דעם גאנצון הארץ איך וויל אום אן טוהן נחת איך האב מיין גאנץ פר מעגון פאר שפרוצט דארך דעם מלכות איך האב אוהם זייער ליב גוהאט נוא אצונד וועל איך געבון וויפול מען וועט דארפון צו געבון מען זאל מיר דו שטעלע תיכף געבון צו הייצון דם אובן איך וועל בדונן דעם מלכות מוט מיין גאנצון כח :

בקיצור עס איז אזו גוועון ער איז גווארון איין הייצר ביים מלכות · אונ דו אלו זאכון זענון גוועזון אונטר זיין האנד דם האלץ אונ דו קולון דער גלייכון דער בעל מלאכה האט גוהייצט דעם אובון הט ער גוטראכט אז דוא הוטץ זאל זיין גאנץ גומעסוגט נושט קאלט נושט הייס נושט קיין סמאנט נאר איין ריינע זעטוגע ווארום דאדורך הט ער צו גולייגט דו אוערון צום לאך פון דער טוער כדי ער זאל הערון אוב דער מלכות האט איין הנאה פון דר ווארום הכלל ער הט אמאל גוהערט וויא דער מלך זאגט עס איז היינט איין גוטע זעטוגו ווארום אזו האט ער זיך דערפרייט אונ ער הט דאס הארץ גוואוגון אונ גומאסטון אונ ער האט איין גאנצן טאג נאר גוארבייט גיהובליוויט אונ גומאסטון כדי דו עטליכע שטוקלך האלץ זאל גלייך זיין עס זאל נושט זיין איינטאג מער האלץ פון דעם אנדרן טאג נאר יעדן טאג גלייך כדי עס זאל זיין דו ווארם גוט איין טאג ווי דער אנדרר :

דער מלכות האט אמאהל באמערקט וויא דו ווארום איז גומעסוגט אלו טאג גלייך עס איז קיין ריח קיין שום סמאנט נאר א ריינע ווארום הט זיך דער מלך גוואונדרט אונ ער הט פר זיינו מיניסטרים איבר גוחזרת פון דעם · דער מיניסטר ענטפרט אוהם אונ דר צילט אוהם דו גאנצו מעשה אז ביים מלכות אונ דער מדינה איז דא איין אונטר מאהן וואס ער האט ליב דעם מלכות איין אהבה רבה אזו דורך דער אהבה האט ער זיין גאנץ עשירות צוא שפרוצט אונ איז גוקומון אהער זוכון אשטעלע ער זאל קענון באדונן דעם מלך אונ וויא ער איז גוקומון אהער זוכון אשטעלי ער זאל קענון באדונון דעם מלך אונ וויא ער איז אהער גוקומון איז קיין שום שטעלע נושט גוועזון נאר צו הייטצון אונ אובין

אובון נאר ער האט אבר די שטערע באהבה אן גנומן און ער שטייט פון און דער פרוה · ביז אין דער נאכט און ארבייט ער זאל צו פאסן עטליכו שטיקך האלץ וואס דארוף זאל זיין איין גומעסגטע וואדום : דער דאזיגר מענטש קען נושט קיין שום כתב ולשון נאר דם הארץ איז נאר פר דעם מלך אובר דעם האבון מיר אום דאס עסק גיגעבין און ער טראכט נאר ווי אזו צוא מאכן איין פארגנוגון אונזר האר אדוני המלך :

וויא דער מלך האט גיהערט פון דער גרוסר אהבה ווס דער מענטש האט צו אום : האט ער באפולין אז ער וויל דער מענטש קענין ער וויל זעהן דעם אוהב נאמן לאז ער זיין ווס פר איין מענטש ער וויל צו איין מונוסטר צו איין אנדדר דונר אז ער האט מיך אזו לוב וויל איך אום קענין : אזו האט רען דעם הייצר גובראכט פר דעם מלכות און דר דינער איז גישטאנין פאר דעם מלכות מוט גרוס פחד און דם הארץ איז גוועז פיל מיט אהבה צו דעם מלך · דער מלך הט זוך מיט אים אוך גיפרייט און ער האט אים גיפרעגט וואס ווילסטו אוך זאל דיר שענקן ווס די פרלאנגסט וועל איך דיר טואון : דער דונער ענטפרט אום קיין עשירות און קיין שום גדולה וויל אוך נוט אוה האב גוהאט גרוס עשירות און נאר דאס גרויסו פארמעגנון און זייער פיל גאלד און זולבער און דאס אלום האב אוך צו שפרוצט ווייל אוך האב גוואלט בארינון אדני המלך : מיין גרעסטר תענוג איז אז אוך זעהדם לעבטוגו פנים פון אדוני המלך : און ווען אדוני המלך וויל מור טואון גוטס זאל ער מור נאר געבון רשות אז אוך זאל קענוז זעהן דם פנים פון אדוני המלך ווען עס וועט מור אן קימון דער חשק און די אהבה וועט ברענון און מור צו אדני המלך אוך זאל מוך קאנון מוט דעם דר קוויקון און דאס פייער צו שטולון :

ווי דער מלך הט דר הערט פון דער גרוסר אהבה וואס דער דונר האט צוא אום הט ער זוך מוט אום גיפרייט אזו וויא מען פרייט זוך מוט איין אוהב נאמן עס איז אוהם אבר זייער לייד גוועזן ער זאל אום ממרא זיין דעם רצון ער זאל קענון צו יעדר צייט זעהן דעם מלך ווייל עס איז אבושה פאר אמלכות ער זאל זוך ווייזון פר זיינו אונטר טאהגון און קעכט אלו מאל ובפרט איין נידריגר מענטש וואס ער האט נוט קיין כתב ולשון עס זאל זוך יעדר רגע זעהן מוט דעם מלכות דאס איז נוט פון דוא נימוסי המלוכה :

אזו ענפרט אים דער מלכות דם. איז נוט מעגליך צוא לוב צו טוהן ווייל דם איז נושט פון די נימוסי המלוכה : איך וועל דיר ערלובין צו טואן אזאה ווס

דם וועט דיר זיין אנחת רוח אויך וועל דיר ערלויבן דוא זאלסט דיר אום בורון איין
לאך וואס דם לאך זאל אריין גיין צוא מיר אונ שטוב אריין אונ דו ווייכט אריין
זעצין איין גלאז וואס דאדורך וועסטו קענין זעהן מיין פנים ווען דוא וועסט וועלין
דורך דעם פערגרעסערונגס גלאז אונ קיין מענטש וועט נישט זעהן ·

דער מענטש דער בעל מלאכה האט זיך זייער דער פרייט מיט דעם וואס דער
מלך האט אים בוזילוגט ער זאל קאנן יעדעס מאל דעם מלכות זעהן אונ ער האט
זיך גיבוקט אונ גינייגט פאר אים · אונ דער מלך איז גיגאנגין אהיים אונ דער
דינער איז גיגאנגן אויף זיין אורט אונ האט זיך אריין גישטעלט איין פערגרעסערונגס
גלאז אונ איין לאך וויא ער וועט קאנון דעם מלכות גוט אן קוקין ׃ אונ דער
דינער האט זיין זאך ווייטער גיטון מיט שמחה ער זאל נאר אנחת טואן דם מלכות
אונ צו יעדע צייט ווען עס האט אים גיברענט די אהבה פון דעם מלכות
איז ער גילאפין אונ האט אריין גיקוקט צום מלכות דורך דעם פערגרעסערונגס
גלאז אונ ער האט זיך דערקוויקט מיט דעם לעכטיגן פנים פון דעם מלכות

אמאהל האט דער מלכות גימאכט אגרויסע סעודה פאר אלע גרויסע לייט אונ
פאר די שרי מלוכה אונ זיין טייערער זון איז גיוועזן צווישן דעם עולם אן דער
שפיצע · אונ מיטן דער סעודה איז דר בן המלך האט גיטרונקן וויין האט ער אן
גיהויבן צוא רעדין ווערטער נוט מיט שכל ער האט גירעט אונ ער האט נוט גיוויסט
וואס ער רעט · דער מלך איז מבויש גיווארין אונ עס האט אים זייער גיקרענקט
אז זיין זון זאל רעדין אן שכל דאדורך האט ער אים פארטריבן פון דעם טיש
אונ ער האט גיגעבין איין באפעהל אז צוועלף חדשים זאל ער נוט זעהן דאס
פנים פון דעם מלכות כדי ער זאל וויסין אז מען זוצט פאר אמלכות מוז מען
פארכט האבין חאטשו ער איז אפאמער אויך דער בן המלך האט זייער גיבענקט ער
האט גיוואלט זעהן דאס לעכטיגע פנים פון זיין פאטער דעם מלכות · עס איז אבער נוט
מעגליך גיוועזן ווייל זיין פאטער האט נוט גיוואלט בשום אופן ׃

אמאל האט ער גיזעהן ווי דר דינער וואס הייצט דעם אויבן גייט ארויף אויף דם
בוידם אונ ער קוקט אריין אונ איין לאך אזוי האט ער אים גיפרעגט וואס דאס איז
דער דינער דר ציילט אים וואס עס איז מיט אים גיוועזין וויא אזוי ער קומט צום
מלכות אונ ווי אזוי ער דינט דעם מלכות אונ די גוטע פון דעם מלך וואס ער האט
אים ערלויבט ער זאל קאנון אים זעהן אללע מאהל דורך דעם דאזיגן פערגרעסערונגס
גלאז · אונ אלו מאל ווען ער וויל גייט ער צו דעם אורט אזוי זעהט ער דעם מלך
אונ ער דאקוויקט זיך דראמיט · דער בן המלך איז דר צוטרט גיווארין אונ ער האט
גיבעטין דעם אויבן הייצר ער זאל אים פוהרין צו דעם אורט ער זאל קענין זעהן

זיין

זיין פאטר דעם מלך ווייל ער בענקט זייער נאך אום: דער דוגער פוהרט אום דארטון אונ ער האט געזעהן זיין פאטר דארך דעם גלאז:

דער דוגר זאגט צום בן המלך • אוי דו בן המלך ווי אז דו בוסט פאר טרובון געווארון פון דיין פאטרס טוש אוך בון איין גאנץ פרא זמע מענש וואס אוך האב גאר קיין פר שטאנד נושט אוך קאן נושט קיין שום חכמה אונ אוך קאן נוט קיין שום כתב ולשון עס איז אבושה פאר אמלכות אז אזי נודרוגר מענש זאל זיין פנים זעהן אלו מאל אובר דעם איז דאס זייעראגרוס חסד פון אום אז אוך קאן אום אלו מאל דארך איין פרגרעסורונגס גלאז אבר דו בן המלך דו בוסט איין חכם גדול בכי בחכמות אונ דו האסט אפורשטלוכר פר שטאנד אונ דו זוצט תמיד אונ דער שפוצו ביים מלכות טוש איז דור דאס אשווערו זאך אז דו זאלסט וויסון וואס דו רעדסט אונ זאלסט אונ זון האבון דו זאלסט נוט רעדון פר דעם מלכות ווערטר אן שכל וואס דאדארך זאל דר מלך פרשעמט ווערון • שעהם דוך פאר דעם אוך גוב דור איין עצה זאלסט זוצון פאר דיין פאטר דעם מלכות מוט פארכט זאלסט גוט אכטונג געבון וואס דו רעדסט זאלסט רעדון מוט שכל פר דם מלך וועסטו קאנון זוצון פר דעם מלך אונ דו וועסט דעם מלך תמיד קאנון זעהן:

נאך דעם וויא דער היילוגר רבי זושא האט אב דער ציילט דו מעשה זיינן ברודר דעם רבי רבי מלך זאגט דער רבי רבי זישא מוט גרוס עניות ברודר לעב דוא ווייסט אז אוך האב אונ מור קיין תורה אונ קיין חכמה אונ קיין דעת נושט אובר דעם מוז אוך ארבטון זייער שווער בוז אוך קען קומון צו זיין היילוגן נאמן דו אבר בוסט אגרוסר תלמיד חכם דו דארפסט נושט צו טוהן נאר דוא זאלסט גוט אכטונג געבון אוף דו ווערטר וואס דו רעדסט זאלסט וויסון וואס דו רעסט • בפרט אז דו שטייסט פר דעם מלכות מלך מלכי חמלכים חקדוש ב"ה אונדו דאווינסט אז דו מחשבה זאל זיין בשעת דוא זאגסט דוא דובורים עס זאל חלילה נושט זיין בשעת תפלה קיין שום מחשבה זרה נאר דו מחשבה זאל זיין אן גוקנופט אן זיין לובון נאמן אוך ווען דוא לערונסט דוא היילוגע תורה וואס זיין היילוגר נאמן האט גוגעבון זיין פאלק ישראל זאלסטו לערנון מוט ידאה אזו וועסטו גווים זיין פון דו ערשטו וואס זוצון ביים מלכות אין וואס זענון נאהונט צוא זיין היילוגון נאמון • אונ דעמאלט איז דער רבי רבי מלך גופארון

# מעשה צדיקים

צום רבי רבי בער זכרונו לברכה קיין מעזריטש איז ער געווארין איין תלמיד מובהק . זיין זכות אונ זכות פון אלע צדיקים זאל אונז בייששטיין מיר זאלין קאנין דינן באהבה ויראה זיין היילוגין נאמין אמן .

## מהרב הקדוש הצדיק מו״ה אלימלך ז״ל זי״ע :

אונ דער צייט ווען דר רבי שמעלקא ז״ל איז גיוועזין אונ ניקלשפורג רב איז דער רבי רבי מלך גוקומין קיין ניקלשפורג צום רבי רבי שמעלקא ז״ל ווארין זיי זענין גיוועין ביי זאמען אונ מעזריטש ביים גרויסן מגיד זכרונו לברכה אמאהל אום שבת קודש איז דר רבי רבי מלך גיגאנגין אונ גאס האט ער גוהערט וויא איינר לערונט תורה מוט גרוס התלהבות מוט יראת שמ״ם . אזו איז ער נאך גוגאנגין נאך דעם קול בוז ער איז גוקומין אין איין שטוב ארייין איז דארטין גיוועין איינגער מאן דאס איז גיוועזין הרב הגאון המפורסים החסיד מו׳ מרדכי באנעט זכרונו לברכה ער איז גוזעסין אונ האט גולערונט תורה זייער ערונסט . ער איז גושטאנין אשעה אונ רבי מרדכי האט אים נושט גוזעהן ווייל ער איז גיוועין פר טיעפט אונ דער תורה . וויא ער האט אוף גוהערט צוא לערנין איז גוגאנגין הרב הקדוש מוהר״ר אלימלך צו אים אונ זאגט צו אים ברודר לעב מו תשובה צו הש״י אין האב חרטה פאר זיין לובין נאמין ווי דר גאון רבי מרדכי זכרונו לברכה האט דאס גוהערט האט אים פר דראסין ווייל ער האט ביי זוך גיוויסט אז ער האט ערונסט גולערונט דעמאלט אונ ער האט חס ושלום מוט דעם לערנין קיין שלעכטס נושט גוטוהן נאר אבר ער האט גושוויגין אונ האט גר נושט געענטפרט דעם רבי רבי מלך בוז ער איז גוקומין צו זיין רבי ר׳ שמעלקא האט ער זוך גוקלאגט פר זיין רבי אוף דער זאך :

דער רבי רבי מלך זאגט צו אוהם ברודר לעב אוך וויים וואס עס איז ביי דיר בסוד אונ וואס דו האסט דוך גוהט פאר יעדין קיינר זאל נושט וויסין דער קען אוך אן דור דוא האסט אגאנצע וואך גופאסט אונ דאדורך האסטו גוהאט בוטול תורה דוא האסט נושט גוקאנט לערנין דאר דעם תענית אונ דארך דוא

סוגופים

# מעשה צדיקים

סוגופים · אזוי תלמיד חכם וויא דוא בוסט טאהר נוט פאסטון ער זאל זוך נושט מבטל זיין פון תורה ויראת שמים אונ דער בוטול תורה וואס דוא האסט גוהאט אוז איין עון גדול וואס מודארף תשובה טון דארוף ·

וויא רבי מרדכי ז"ל האט גוזעהן אז ער אוז איין איש מופת איין בעל רוח הקדוש ער ווייסט וואס ביי אום אוז גוועהן בסוד קיינר האט נושט גוויסט אזו האט ער זייער מורא גוהאט פאר אום אזו וויא מודארף מורא צו האבון פאר אגרוסון תלמיד חכם · אזו וויא דוא גמרא זאגט אינ מסכת אבות מורא רבך כמורא שמים דאס הייסט מען מוז מורא האבון פר זיין רבי אזו וויא מוהאט מורא פאר הש"י ·

פר עטלוכו צוואנצוג יאר האבון פושעים גומסרת דו צדיקי הדור פאר אונזר מלכות קיר"ה זייא האבון גוזאגט אז זייא זענון שווערמר אונ זייא נארון דו יודון אונ דורך זייא ווערון פר נארושט דו יודון אונ מען זאל זיי ארוס טרייבון פון קירה"ס לאנד אזו האט דער מלך גושוקט צו דעם גרוסון לאנדס ראבונר הרב ר' מרדכי באנעט ז"ל ווייל ער אוז גוועהן אגרוסר מן אונ חשוב ביים מונוסטעריום בדי ר' מרדכי זאל זאגון וואס עס אוז מוט זיי צו עס אוז אמת וואס דו מוסרים זאגון אדר ניין · דו צדיקי הדור האבון גוהאט גרוס פחד אונ הרב הקרוש פון דאפשוץ זכרונו לברכה האט גושוקט איין שליח מיוהד להרב הגאון ר' מרדכי באנעט ער זאל אום דר מאנון דו מעשה וואס מור האבון גושרובון פון דעם רבי ר' מלך ער זאל אום דר מאנון דוא גרוסו קדושה וטהרה פון דעם רבי ר' מלך מוט אלו תלמידים פון דעם רבי ר' בער ז"ל וואס ער האט אליין גוזעהן אונ נוקלשפורג ביא זיין רבי ר' שמעלקא ז"ל אונ מען זאל אום זאגון אז דוא אלו צדיקים אונ פולון זענון תלמידים פון דעם רבי ר' מלך אונ פון דו אובריגע תלמידים וואס האבון גוהאריווט ביים רבי ר' בער ז"ל · דאדורך זאל ער אוהזיי רחמנות האבון אונ בערוכטון פר זייא צום מלכות זיינו גוטע ווערטר אז זייא זענון באמת היילוגו מענשון נוט קיין שווינדלרס זייא זאלון חלילה נוט האבון קיין יסורים פון דו מסירה :

דער שליח אוז גוקומון צו הרב הגאון ר' מרדכי ז"ל אונ ער האט אום דר ציילט דו מעשה פון דעם תענית אונ דו אובריגע ווערטר פון דעם ראפשיצר רב ז"ל · אזו האט ער גוזאגט צו דעם שליח דוא רבנים זענון תלמידים פון דעם

# מעשה צדיקים

קדוש בלי ספק זענען זייא גרוסו צדיקים אונ גרוסו חסידים אוך האב גוקאנט דו תלמידים פון דעם גרוסון מגיד פון מעזירוטש ז"ל אונ זענון גוועןן היילוג בפרט דער רבי ר' מלך ז"ל איז גוועןן קדוש וטהור זייא זענון גוועןן בעלי רוח הקודש אונ גרוסו בעלי מדריגות אז עס איז בייא מור גוועןן אפלא וויא אזו אזעלכו היילוגו נשמות מוט אזיי גרוס דביקות קענון זוך דער האלטון מוט דם גוף צו זאמון זכותם יגן עלינו אוך וועל גוטס פאר זייא שרייבון צוא דעם מלכות • השי"י זאל אונז העלפון מור זאלון אום קאנון דונון באמת ובלב שלום אמן •

עס איז נוט משיג צו זיין דוא גרוסו מדריגה פון דו צווייא צדיקים דוא גרוסו לייט פון דעם רבי ר' מלך מוט זיין ברודר דער רבי ר' זישא ז"ל • עס האט דר ציילט הרב הצדיק ר' מענדילע פרוכטוקער אז ער האט גזעהן זיין רבי דעם היילוגון רבי ר' מלך אז ווען ער האט גוטראכט אונ יראת השם אזו הט ער זוך גופארכטון אז אלו אברים האבון גוצוטערט אונ יעדר מענש האט גוזעהן ווי אזו דער גאנצר גוף צוטערט אונ ער ווארפט זוך פר פחד פון זיין היילוגון נאמון אוך דר ציילט מען פון דעם רבי ר' זישא ז"ל אז ער האט זוך גובעטון פון השי"י אז ער זאל האבון יראה אזו וויא אמלאך האט • אזו וויא אמלאך פארכט זוך פר אום אזו זאל ער זוך פארכטון פר זיין היילוגן נאמון אונ השי"י האט אום דר הערט אזו האט ער בקומון אפחד אז ער האט זוך נוט גוקאנט דר האלטון ארגע נוט שטיין נוט זוצון ער האט זוך בהאלטון אונטערון בעט אונ אונטער דעם טוש פר פחד אונ צווישון רעכר האט ער זוך פרשטובט אונ עס הט יעדם אבר אונ אום גוצוטרט אונ ער איז שיעור גושטארבון פר גרוס פחד אונ שרעקונש אזו האט ער גובעטון השי"י אז ער זאל פון אום צורוק נעמון דעם גרוסון פחד אונ השי"י האט אום צו גוהערט אונ ער איז גווארון צורוק גושטעלט אזו וויא צום ערשטון :

דער נאך האט דער רבי ר' זישא גוזאגט אז עס איז אום מעגלוך כל זמן דער מענש רעבט אז דו נשמה מוט דעם גוף זענון אונ איינם איז נוט מעגלוך צו האבון אזיי מדריגה ווארון ווען עס זאל נאך גוועןן דווערון אקלייני רגע וואלט ער גוועןן מוט פאר גרוס פחד נאר השי"י האט זוך דער בארומט אובער אום ער

זאל

# מעשה צדיקים

זאל נאך קאנון דונון זיין היילוגון נאמון ·

פון דער מעשה קאנון מור לערנון וויא גרוס דוא מדרגה פון צדיקים איז אז זייער השתוקקות צו דונון הש"י איז אן שיעור נושט משיג צו זיין הש"י זאל אינז אויך העלפון מור זאלון קאנון דונון זיין היילוגון נאמון מוט ריינו מחשבות באמת ובאמונה אמן :

# מעשה נפלא

## מהרב הקדוש מהר"י מלובלין ז"ל

הרב הקדוש מהר"י ז"ל פון לובלון פלעגט צו פארון צו זיין היילוגון רבי קיין לוזענסק צום רבי ר' מלך ז"ל אונ אין וועג וויא ער איז אמאל גופארון קיין לובלון אונ איין שטעטול איז געוועזן ארבי וואס מען האט גוזאגט אז ער איז אגרויסר צדיק אגרויסר עובד ד' דער לובלונער ז"ל איז ארין גוגאנגון צו אום אונ האט אכטונג גוגעבון אויף אום אז ער טוט אלדונג מוט גרוס התלהבות דאס לערנון מוט דעם דאווינון וואס ער האט גאר נוט גוזעהן אזוי פייארדוגון עובד ד' מוט אזוי התלהבות דאדורך איז דער לובלונר גובלובון אויף שבת בייא אום ער זאל קאנון גוט אכטונג געבון אזוי האט ער גוזעהן אז דם דאווינון מוט דער תורה איז מוט גרוס התלהבות :

נאר אבר וויא דער לובלונר ז"ל האט אום גופרעגט אוב ער איז גיוועזון בייא אצדיק הדור פון דו תלמידי הבעש"ט ז"ל אדר פון דו תלמידים פון דעם גרוסון מגיד פון מעזרוטש האט ער אום געענפרט ניין אז ער איז נושט גוועזן ביי קיין צדיק פון זיי דוא ווערטער זענון געוועזן ביים לבלונער פערדאכטוג אונ ער האט נושט גוויסט וואס דאס איז פר אמטבע ווארון דאס איז ידוע אז דעם אמותון וועג פון חסידות קאן מען נושט ממציא זיין אליין נאר מען מוז מקבל זיין פון אצדיק הדור

# מעשה צדיקים

הדור ווס ער האט משמש געוועזן דעם רבי ר' בער ז"ל אהר זיינע תלמידים פון אונ בעש"ט ז"ל אריין בקיצור דער לובלונער ז"ל זאגט צו איהם פאלגט מיך אונ קומט מיט מיר צום רבי רבי מלך קיין לאזענסק דארטען וועט איהר זעהלען דעם אמתען טעם תורה ויראת שמים וואריין אז נישט האן מען זיך אפ נארען מיזאל נאר נישט וויסען ווי מען שלאגט אן אונ דער וועלט · דער חסיד ענפערט אים אויך וועל מיט אייך פארען נאר באופן איהר זאלט מיט מיר זיצען נאך איין שבת אונ נאך דם שבת וועלען מיר ביידו פארען קיין לוזענסק אונ דער לובלונער איז דארטען באמת געבליבען נאך איין שבת ווייל ער האט געזעהן ער איז אגרויסר עובד ד' מיט גרוס כח אונ מיט גרוס התלהבות אונ דעם שבת האט ער ווייטר נוזעהן זיין עבודות איז אן לשער האט ער זיך זייער געפרייט אז אזיי אדם גדול פאהרט מיט אים קיין לוזענסק ·

נאך שבת זענען זייא ביידע געפארען קיין לוזענסק · אונ דער גרוסר חסיד האט געבעטען דעם לובלונער ער זאל רעדען פאר אים ביי זיין רבי ער זאל אים דר ציילען ווער ער איז אונ דער לובלונער האט אים צוא גוזאגט עס איז געוועז דער שטייגר ווען דער לובלונער ז"ל פלעגט אריין צוא קומען צום רבי רבי מלך ז"ל תיכף ווען ער איז אויף דער שוועל גוקומען פלעגט ער אים אקעגען צו גיין אונ ער האט אים שלום גוגעבען דעמאלט אבער ווען ער איז אן גוקומען מיט דעם חסיד וויא ער האט דו שוועל אובר גוטרעטען האט דער רבי רבי מלך אובר גוקערט זיין פנים צו דער וואנט אונ ער האט נישט געוואלט זיי קוקען אונ פנים אריין אונ ער האט זיי קיין שלום נישט גוגעבען :

דער לובלונער ז"ל מיט דעם חסיד זענען אוועק גוגאנגען צו זיך אהיים אונ דער לובלונער ז"ל טראכט ביי זיך עס מוז עפוס זיין אז דער היילונער רבי וויל אונז קיין שלום נישט געבען ער האט זיך מיישב געווען אונ איז אליין גוגאנגען צו זיין רבי אן דעם חסיד דאמיט ער זאל וויסען וואס עס איז פאר אנייעס ער קומט אריין צו זיין רבי דער רבי גייט אים אקעגען וויא תמיד אונ איז אים מקבל בסבר פנים יפות מיט גרוס אהבה וריעות אונ ער גוט אים שלום אונ זאגט צו אים וואס האסטו מיר גוברא͏כט אמענש וואס איך האב נישט גוקענט אים קוקן

# מעשה צדיקים

פון דער קליינו מעשה קאן מען זיך גוט לערנין ווי ווייט עס איז גרויס גמילות חסדים און (אהבת ישראל) מען זאל יודין ליב האבין :

דער שטייגר פון דעם רבי ר' משה ליב ז"ל איז געוועזין ער זאל היילין קראנקי און כוהל יודישו קינדר וואס האבין גוהאט אויף דעם קאפף שחין האט ער זיי מיט זיינו היילוגו הענד גצוואגין און גוהיילט דעם קאפ · און גופרוכט דעם שחין עס איז ניט געוועזן צו דר ציילין וויא גרוס אדרבה דער צדיק האט גוהאט יודין אז ער פלעגט צו זאגין אוועקטול דער יוד וואס ער קאן ניט מיט די ציין אום נאגין דאס בלוט פון די מכות און פון שחין פון יודישע קינדר דער איז נושט ביייא אהבת ישראל :

דער היילוגר רבי ר' משה ליב ז"ל פלעגט צוא זאגין אויך האב גולערהונט אהבת ישראל וויא גרוס עס דארף צו זיין וויא איין בויער און קרעטשמע · עס זענען גוזעסין צווייא בויערין און האבין גוטרונקין זאגט איינר צום אנדרן זאג נאר ברודר דו האסט מיך ליב אזו האט ער אוהם גוענפרט יוא אויף האב דיך זייער ליב דער בויער גוט אקרעכץ און זאגט יוא ווי אזו האסטו מיך ליב אז דו ווייסט גאר גוט וואס עס פעלט מור : דו זאלסט מיך באמת ליב האבין וואלסטו גופולט ווס מור טוט וויייא פון דעם האב אויך גולערונט אז עס הייסט אנדרש ניט קיין אהבת ישראל נאר סיידין מען זאל פולין יעדין יודס צרות וואס עס טוט אום וויייא און העלפין טראגין זיינו צרות און וואס מען קאן אום העלפין זאל מען אום העלפין מיט געלד אודר מיט אגאנג אודר מיט איין אנדרו מוה :

דער היילוגר צדיק הרב הקדוש מוהר"ר צבי מזידיטשוב ז"ל : האט דער ציילט אווינדרליכע מעשה פון הרב הקד"ש מוהר"ר משה ליב ז"ל : ער פלעגט צו פארין צו אום קיין סאסוב אזו הט ער נאך גוקוקט זיינו הנהגות בפרט די הנהגות פון חצות לילה ווי אזו ער איז זיך נוהג מיט דעם תיקון חצות : האט ער אמאל גוזעהן ווי דער צדיק טוט זיך אן קליידר אזו ווי אבויער און ער נעמט איין גרוסין קלאץ מיט איין האק און ער איז אוועק גוגאנגין אזו איז דער זידיטשובר רבי אום נאך גוגאנגין ער זאל זעהן וואס ער וועט טוהן · אזו האט ער גוזעהן אז ער איז אריין גוגאנגין צו איוד ווס דס וייב איז ערשט גולעגין גוווארין מיט אבן זכר און דר יוד איז געווען איין גרוסר אביון און עס איז דארט גוועזן אגרוסו קעלט אז די קימפעטארן איז שיעור קראנק גוווארין פר קעלט : דער צדיק קומט אהון און רעדט אויף בויערס לשון אויך האב צו פר קויפן אגרוסין קלאץ

# מעשה צדיקים

קלאַץ קויף אום אוך פֿרקויף אום גאַנץ וואָרוויל . דוא יולדות ענפֿערט אויך דאַרף
אום זייער נייטיג אויך האָב אָבער קיין פּרוטה נישט . ער ענפֿערט אור געלט וועסטו
מור שון ייאָהלין איין אַנדערט מאָל נעם נאָר דעם קלאַץ ביי מור זוא ענפֿערט אום
ווייטער ווס טויג מור דער גראָבער קלאָץ צו האַק מור אים אויף שטיקלך האַלץ
אונ הייץ ביי מור איין ווייל אויך גיי אוים פֿר קעלט : ער ענפֿערט אויך טוה
אַלדונג פֿון דאגוש וועגון דוא וועסט מור שון אַלעם בצאָלון :

דער צדיק נעמט דוא האַק אונ צו האַקט דעם קלאָץ אויף שטיקלך אונ
וויא ער האָט אום צו האַקט זאָגט ער תיקון רחל · דער נאָך האָט ער גוהייצט
אונ האָט גזאָגט תיקון לאה · דער נאָך איז ער אהיים גולאָפֿין אינ האָט זוך
צוריק אָן גוטאָן זיינו מלבושים : דו זאַך איז גוועזין א פלא גדול ביי דם זידיטשובר
צדיק ער פֿרעגט דו מעשה צו דער ציילון ווי דער קדוש רבי משה לייב איז
גוועזין נעלם קיין מענטש האָט זיין גאַנג נישט פֿר שטאַנון : הש"י זאָל אונז
העלפֿין מור זאָלון קאָנון טוהן מצות ומעשים לשמה אונ צו טוהן אנחת רוח
הש"י אמן ·

דעם הילוגון אפטר רב ז"ל האָט זוך אמאָהל גוטראָפֿון עם איז גוקומון
איין גבירה מוט אַקוויטל וועגין אבקשה .
וויא זוא איז גאָר גוקומון אויף דער שוועל גוט ער איין זאָג : פֿון מיין
שטוב דוא אשה ענפֿערט אום מקירות הלב דער בורא עולם איז איין ארך אפים
צו רשעים ער צאָהלט זייא נישט גשווינט אויך איז ער זיי נישט מגלה פֿאַר דוא
מענשון כדי זיי זאָלון זוך נישט שעהמן צו תשובה אונ ער וואַרט זיי ביז זיי טואון
תשובה : אונ דער אפטר רב זיצט אויף דער שטוהל אונ ער קען זוך נישט איין האַלטן
ער זאָל נישט מגלה זיין דאָס וואָס דער בורא עולם דעקט צוא אזו האָט דער
אפטר ז"ל גזאָגט דו אשה האָט מיך גוט מנצח גוועזן פֿון דו מעשיות איז צוא
לערנון וויא אזו מען דאַרף צו האָבון אהבת ישראל אז מען זאָל יעדן ייד ליב האָבון
ווי זוך אַליין מען זאָל אום אוס העלפֿון מוט געלד אונ מוט איין גאַנג : אונ צוא
פֿראַכטון מען זאָל אום ברענגון ער זאָל טואון תשובה שלימה אונ הש"י זאָל אונז
אלו העלפֿון צו הצלחה גדולה אונ צו יראת שמים אונ מור זאָלון זוכה זיין צו זעהן
דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן ·

## תם ונשלם